STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05054

HIMEL REVOLUTSYE

Eliyahu Dov Heylperin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו דוב הײלפּערין. 1=טע העפט.

הימעל רעוואָלוציע

אַ דיסקוסיע פון אַ פאָטער מיט זיין פאַמיליע
אים שבת ביים טיש, איבער די רעוואָלוציע.

דערביי ווערט ערקלערט די הימלישע געזעצן,
אַריינצוברענגען אַ גייסט אין יודישען לעבען.

אַרויסגעגעבען דורך דעם מחבר „חמדת ישראל".

די ווייטערדיגע העפטען ערשיינען קירצליך.

וואַרשא — 1923 — תרפ"ג.

E. B. Halpern Warszawa, Ś-to Jerska 36/30.
PRINTED IN POLAND.

DRUK. G. PIMENT WARSZAWA. SIERAKOWSKA 4

די „ערקלערונג פון די רעוואלוציע"

„ושבח אני את המתים שכבר מתו, מן החיים אשר
המה חיים עדנה" (קהלת ד).

דעם שבת, וואס איך האב געהאט יאהרצייט, נאך מיין מוטער ע"ה, זאג איך: איהר ווייסט, היינט האב איך יאהרצייט נאך מיין מוטער, א ליכטיגין גן עדן זאל זיא האבען „איך וועל אייך קלאהר מאכען, ווער זיא איז געווען".

אזוי ווי א יוד היט אלע טאג צו לייגען תפילין, אזוי פלעגט זי היטין, דורך לייענען אלע שבת, די סדרה „צאינה וראינה", גלויבט מיר אז לומדים פלעגין זיך שעמען פאר איהר, זיא איז פול געווען, אין אסך מאמרים פון די חכמים, איהר גאנצע ארבייט איז געווען, פיהרן די הויז, און ערציהען די קינדער יודיש. (חכמת נשים בנתה ביתה).

פון פריה מארגען, פלעגט זיא אבגיסין די קלענערע קינדער נעגיל וואסער, דריי מאהל אויף יעדער האנד. זי פלעגט זאגין מיט זיי ברכה: איך וועל פאלגען וואס דער טאטע הייסט, וואס די מאמע הייסט, וואס אלע גוטע פרומע לייט הייסין מיר צו גוטין טאן, א ברכה הצלחה, אויף מיין קעפעלע אמן סלה.

זי פלעגט אונז ברייגגען אין חדר עסען, פארן שלאף האט זי נילייענט מיט די קינדער קריאת שמע, דער כלל, זי האט פון אונז, די אויג ניט אראב גינומען, נו! מיין ווייב זאל דיר ניט פארדריסין, דו ביסט דאך שוין אויך ב"ה א יודינע א יאהר פופציג, גיבסטו דען אויך אזוי אכטונג אויף די קינדער, ווי מיין מאמע? דיר צו לאנגע יאהר.

דו גייסט דען אויך אזוי כשר מיט די האר ווי דיין מאמע? לאמיר זיך ניט נארין, דו האסט א סך מעהר הנאה פון א מעשה ביכיל, פון א ראמאן, ווי פון צאינה וראינה. ווי אלע ווייבער זאל ניט אויסגירעדט זיין, היינט ווער רעדט נאך, וועגען די יוזקס מיט די העלעגס, אז קיין ווארט יודיש לערינט מען דאס ניט, די ערשטע זאך וויים די מוטער צו לערנען דעם קינד, צום עסען טוו מען אויסטאן די היטעלע, ווי באלד אז שאפקע דאלוי, איז שוין שפעטער ראדיטעלי דאלוי, און אלעם דאלוי:

פארצייטין איז טאקי געווען א ברכה א הצלחה אויפ'ן קעפעלע, און היינט האט מען דער לעבט קוילין אויף די קעפעלעך.

מייִנע קינדער ענטפערן אמת נאָך דײַן גאַנג בּיסטו געקומען, די וואָלסט אָבער לעזען די בּלעטער וואָלסטו וויסען וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט.

א כּלל א יצר הרע האָב איך דאָך אויך, נו? זאָג איך קינדער שאַפט מיר א בּלאַט, איך נעם לייענען, עס איז פול מיט ראשי תיבתן, קינדער פרעג איך, ווי מאַכט די ר״ת? פפ״ס, ס״ס, ס״ד, ס״ר, ק״ר, דאָס איז פאַרטיעס זאָגן זיי, — וואָס איז דאָס אַזוינס פאַרטיעס? דאָס איז חברה׳ס — אַז חברה׳ס פרעג איך, דאַרף דאָך זיין רבּיים, די קינדער געבּין א קוק איינע אויף די אַנדערע 1) ווי איינער רעדט: דאָס איז אַ בּיסיל א אידיאָט. מייִנער האָט דאָס אָנגעמערקט, קינדער זאָג איך, איהר מיינט טאַקי אַז דער טאַטע איז אַזאַ נאַר, מייִנע שונאים מעגען דאָס פאַרקרייִנקען, וואָס די אַלטע פאַרשטעהען נאָך, נור ווי מען זאָגט, א אָקס האָט א לאַנגען צונג און קאָן ניט רײדין.

עס איז דאָ זאָגען זיי, אָבער ניט מיט דעם נאָמען רבּיים. נור אַגיטאַטער און אָראַטער, אַגיטאַטער הייסין די וועלכע אָרגעניזירין דעם נאַראָד. אָראַטער הייסין די וועלכע האַלטען רעדעס פאַר דעם נאַראָד, בּיז דער נאַראָד ווערט אָרגעניזירט, און עס גייט אַרויס א רעוואָלוציע אין פאַרשידענע פאַרטיעס.

— וואָס איז דער ציעל פון די רעוואָלוציע פרעג איך?

— דאָס איז אַנטקעגין די רעגירונג, וואַר זייער ענטפער.

— וואָס פערלאַנגען זיי?

— דאָס קאָן מען ניט ערקלערין אין צוויי ווערטער. צו דעם דאַרף מען זיין זעהר פיל בּעלעזין.

— אָבער זאָגט מיר קינדער ווי אַזוי איז דאָס אַרויס מיט איין מאָהל אַזעלכע וואָס האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס איז דאָס אַזוינס רעוואָלוציע. שרייען מיט איין קול רעוואָלוציע! רעוואָלוציע!

פאַרשטייסטו פאָטער. די רעוואָלוציע איז א אַנשטעקינדיקע קראַנקייט זי גייט פון איין מדינה צו די צווייטע, פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטיל צו שטעטיל פון הויז צו הויז, און פון איינעם צום צווייטען, געוויינליך ניט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך טוהט זיך. די אָנפירער פון דעם, זענען די געבּילדעטע קליאַסע, און עס ווערט דורך געפירט מיט די קלענערע.

די אָרעמע קליאַסע, קאָנען קיין אָנפירער אין די רעוואָלוציע ניט זיין, דער הונגעריקער קאָן ניט גיין טאַנצען, דער אָרעמער אַרבּייטער, דער אָרעמער קרעמער, דער אָרעמער פריקאַשציק, וועלכער ליגט אונטער זיין שווערין לאַסט, ער האָט גאָר קיין קלאָהרען קאָפּ ניט צו דעם, ער קלערט גאָר, ווי אַזוי פרייער צו מאַכען זיין יאָך, ווי גרינגער צו מאַכען זײַן חיונה.

די גרויסע האָבען געוואוסט, אַז מיט קאָפּ אַליין מאַכט מען דאָס ניט, מען דאַרף צו דעם האָבען האַנד אַרבּייט אויך. האָבען זיי געזוכט עצה׳ס ווי אַזוי אַריין צו בּרייִנגען דעם קלענערין עולם אין די רעוואָלוציע, און אַז מען זוכט געפינט מען, האָבען זיי אָרגאַניזירט די אַרבּייטער, צו סטרייקין, מען האָט זיי ערקלערט, ווי

---

1) עין תלעג לאב, ותבוז ליקהת אם (משלי ל — יז).

ווי זיי זענען געדריקט פון די בעלי בתים, ווי אזוי דער ארבייטער, די ארבייטאָרין ארבייטין, און עס גיסט זיך פון זיי שווייס ווי באָב, און דער בעל הבית שטעהט איבערן קאַרק, און שרייט, אַזאַ יאָהר זאָל דיר זיין, וואָס פאַר אַ אַרבייט דיינער איז. דער פייער האָט געקלייעט ביי די אַרבייטער, ביז ס'איז אַרויס אָפין, צו סטרייקען מיט די בעלי בתים, פאַרמאַטערין זיי, אָבשטעלין די געשעפטין, אָבהאַלטען די פאַבריקין, ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, זיי האָבען זיך אויסגיבעסערט זייער לאַגע, ווייניגער צו אַרבייטען און מעהר געלד צו נעמען, ווי באַלד אַז זיי האָבען געהאַט איבעריגע צייט, האָבען זיי זיך איינינגע מאַסען געבילדעט, און פון די עקינאָמישע סטרייקין, איז אַרויס אויף פּאָליטישע סטרייקין, ביז ס'איז געקומען צו אַ אָפענע רעוואָלוציע.

— אָבער זאָגט מיר קינדער. אַז זיי האָבען זיך שאָהן זייער לאַגע אויסגיבעסערט וואָס האָבען זיי היינט צו די גבירים?

— מיר האָבין שוין דיר וויפיל מאָהל געזאָגט, זאָגט ניט גבירים נור בורשאַזיוואַ, און אויף אַרבייטער זאָג פּראָליטאַריאַט.

— איך בין גאָר ניט אויסין מיט דעם זאָג איך, נור מיר איז עפּעס אַלעם בעליבטער וואָס עלטער איז, אַפילו צו רעדין אויך, איך האָב איין כלל, אַז מען וויל אַנזעצין מאַכט מען איבער דעם נאָמען...

„קאָמונע".

גורלך תפיל בתוכ ו כים אחד יהיה לכולנו וגו׳ (משלי א׳).

נ

— פאַרשטעהסטו פאָטער, פון די בורשאַזיוואַ, וויל מען זוי ווי פטור ווערען מען וויל מאַכען, אָרעם רייך אַללע גלייך, ס'זאָל ניט זיין קיין רייכער, קיין אָרעמער, קיין ששי, קיין מפטיר, אוים מורינום.

— דאָ רוף איך זיך אָן, מיין מוח נעמט דאָס ניט. אויף פּראָסט גירעדט, הייסט דאָך דאָס איבערגיקערט די וועלט, פריהער דאַרף'ן דאָך די גבירים, וועלען אַריין געבען זייער פאַרמעגען אין חברה?

— וויאָס הייסט זאָגט מיין טאָכטער, זיי דאַרפען וועלין, ווער וועט פרעגען ביי זיי!

— וואָס הייסט זאָג איך, מען וועט פון זיי צו נעמען, וועלין זיי זיך דאָך שטעלין אַנטקעגן, וועט דאָך זיין „חרב איש ברעהו", אויף פּראָסט גירעדט, מען וועט זיך שטעכן אין די גאַסין, אַט ווי ווענינג זיי וועלען זיין, אָבער זייער באָמבע איז דאָך אויך אַ באָמבע.

— עס וועט גאָר קיין גבירים ניט זיין, מען וועט זיי אויסהאָבען מיט דיא זאַבאַסטאָווקעס, ענטפערט מיין מאָטקע.

— גוּאָ! טוּאָ וויא וועט זיך פיהרן די וועלט נור מיט קבצנים? פרעג איך.

איך

— איך וועל דיר פאטער ערקלערען, ווי אזוי דאס קאן זיין, צו די בעשטימטע צייט, ווי די וועלט וועט זיך צו זאמען ריידין, וועט מען אללע געלטין פארניכטען, און אללע פריפאסען, וואס עס וועט זיך געפינען ביי יעדער איינציגען, וועט מען צו זאמען בריינגען אין איין ארט, און דארטען וועט זיין א קאמיטעט מיט אקאנטאר, און פון דארטען וועט מען ארויסגעבען אלעמען, ווי פיל יעדערער ברויכט פאר זיין פאמיליע, מען וועט אלעמען גלייך אריין שטעלין מעביל, אללע וועלין גלייך שפילין פארטאפיאן, אלע וועלין גלייך געהען אין טעאטער.

— עס וועט זיין אנשטאלטין פאר ארבייטער, וואו יעדערער וועט ארבייטין זיין פאך, ס'וועט זיין גימנאזיעס, אינווערזיטעטין, וואו מ'וועט שטאדירען, יעדער איינציגער וועט זיך לערנען, נאך זיין פערשטאנד נאך.

— אבער וואו וועט מען נעמען נדן פאר די טאכטער? פאלט אריין מיין רחל, וויא א יאוועץ אין סוכה. בהטה דו, רוף איך זיך אן, אין קאמיטעט וועט זיין אויסגעשריבען א גאנצער צעטיל, פון בחורים מיט מיידלעך, אין יעדער וועט נעמען פון דארט א ווייב.

— יא חכם מיינער, פרעגט ווידער רחל, וועט דאך יעדערער וועלין אויסקלויבין די שענערע און די בעסערע די קאמיטעטניקעס געוויס?

— אידינע בלייבט א יודינע, פאר וואס איז היינט דא שענערע און בעסערע, ווייל זי לעבט בעסער, זי גייט שענער אן גיטאן, זי איז מעהר געבילדעט אבער אז עס וועט זיין אללע גלייך, מאכט דאך ניט אוים וועלכע מ'וועט נעמען.

— פאטער רופט זיך אב מיין מאטעל, ענטשולדיג דאס איז ניט ליאגעש, אללע גאר גלייך קאן דאך ניט זיין, דער אמת. איז ס'וועט זיין וויא היינט, וועמען זי וועט וועלין, דעם וועט זי נעמען.

— מיין רחל איז אבער א איינגעשפארטע, מיילע זאגט זיא, דו האסט מיר שאהן געמאכט פאר אלעם אין דער וועלט, און איך זאג דיר, דו מאכסט זיך נאריש, דו ביסט גאר א באלעמוט, אללע וועלין דאך בעסער וועלין זיין דאקטוירים, יוריסטין, איידער בעל מלאכות.

— פארשטעהסטו מוטער זאגט מיין זאהן, פאר וואס וויל מען זיין א דאקטער, א יוריסט, איידער א בעל מלאכה, ווייל עס געט מעהר פריפיט, מ'האט מעהר כבוד, אבער אז עס וועט זיין אללע גלייך, מאכט דאך ווידער ניט אוים.

— אבער די גראבע ארבייט, וועט דאך געוויס קיינער ניט וועלין טאן, פרעגט ווידער מיין רחל.

— נעכטין, האט עקסטרא דער אראטער געהאלטען א רעדע וועגען דעם, האט ער אויסגעבראכט, אז אויף צו פאשין יעדערין זיין ארבייט, וועט שוין קאמיטעט אויסגלייכין, האבען זיך אב גערופען ביידע קינדער מיט א מאהל.

— פרעגט ווידער רחל מיט וואס וועט דאס קאמיטעט קאנען אנווייזין יעדערין וואס צו טאן.

— די זאך איז אזוי. זאגט מיין מאטעל, אויף גיוועהנליכע ארבייט, וועט קאמיטעט איין ארדנען, און גאר פראסטע ארבייט וועלין אללע גלייך טאן.

מיין

—מײַן אַלטע לאָזט זיך אָבער ניט נאַרין, זאָגט וואָס איהר ווילט, איך קאָן דאָס בשום אופן ניט גלויבין, אַז דער דאָקטער מיטין יוריסט, זאָלען ראַמען אין גאַס די מיסט,

—נוא! זאָג איך, ווען מיר שאָהן אָן נעמען וויא איהר זאָגט אַז ס'וועט יאָ אויסגעפיהרט ווערין, ס'וועט דאָך אָבער אַראָב פאַלין, אַ סאַך מצוה'ס פון דער תורה, איז דאָך שוין דער גאַנג ניט פאַר יודין, צב"ש אַז עס איז דאָ געלד, איז דאָ גמילת חסד ס'איז דאָ צדקה, אָבער אַז קיין געלד וועט ניט זיין, ניט ס'וועט זיין ווער ס'זאָל געבין צדקה, ניט ס'וועט זיין ווער ס'זאָל נעמען צדקה, —איך פאַרשטעה אפילו אַז איהר וועט לאַבין פון דעם, אָבער איך אַלעם יוד, וועלכע ביי אונז איז פאַרהייליגט אַלעס וואָס שטייט אין סידור, פרעג איך?

—איבער די ברכות, האָט זיך אפילו געקריגט עשו מיט אונזער פאָטער יעקב, זאָגט מיר וואו וועט אַהין קומען דער גאַנצער מי שברך, וואָס מען זאָגט שבת אין דאַווגען, אַז קיין נדבות וועט ניט זיין, וועט ניט זיין קיין פת לאורחים, וצדקה לענים, ס'וועט בלייבען פון גאַנצען מי שברך, כל מחלה...

—און איבערהויפט פאַרשטעה איך ניט, וועט מען דאָס מאַכען אָהן פרעמדע נאַציאָנען, וועלין זיי דאָך שטערין, וועט מען דאָס מאַכען מיט זיי, הייסט דאָך דאָס אויסגעמישט מיט דיא פעלקער (אַסעמולאַציע), סיידין מ'זאָל פויעלין זיי זאָלען ווערין יודין 1) למאי זאָלען זיי דאָס טאָהן, אויף וועמען וועלין זיי מאַכען פאָנראָמען.

—אַ כלל קינדער, וויא איך זעה איין, קריכט איהר אויף אַללע פיער, אויף די גבירים, מיט די רעגירונג און אויף דער תורה, מיטין בורא, פאַר די גבירים אַרט מיר גאַנץ ווייניג, זיי אַרט פאַר מיר אויך ניט, און פאַר די רעגירונג אַרט מיר אויך ניט, זיא איז ניט קיין יתום=קטן, זיא האָט אַ טאַבעק פישקע, וואָס גיט צו שמעקין, אַגב זאָגט מען איז יעצט דאָ אַזאַ כלי, וואָס וואַרפט אַרויס 365 קוילין, וויא פיל אָדערין עס איז דאָ אין מענשען, און געגין די טעג פון יאָהר, בעהיט זאָל מען ווערין רבש"ע, מיר אַרט נור פאר די תורה, מיט די אמונה.

—מיינע קינדער זענען ארויס מיט א געשרעה וואס מיר תורה וואס מיר אמונה,

—קינדער קאָכט זיך ניט איך וועל אייך באַלד ווייזין און דערלאַנגען אין האַנד די תורה מיט די אמונת הבורא מיט די ריכטיגקייט פון יוד (ישראל ואורייתא וקב"ה כולה חדא)—זאָג מיר מיין זאָהן פאַר וואָס רופסטו מיך טאַטע און מיינע פרוי מאַמאַ, ווי איך בין געשטאַנען מיט איהר אונטער דער חופה, האָסטו ניט געזעהען נור ווייל אהן אַ פאַטער און מוטער קאָן קיין קינד ניט קומען, און דערצו זאָגין מענשען וועלכע זענען דערביי געוועזען [דאַפיר דאַרף מען טאַקי האָבען עדות] איז ביי דיר בעשטימט אַז דאָס איז דיין פאָטער, דאָס איז דיין מוטער אַזוי ווי דו וואָלסט געזעהען מיט דיינע אויגען, די זעלבע איז מיט אמונת הבורא פון זיך מאַכט זיך קיין שיך קיין קלייד ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן אַזאַ גרויסע וועלט

---

1) א"ל קיסר לר' תנחום, תא ליהוי כולן לעמא חד, אמר להיו, אנן דמהלינן לא מצינן למיהוי כוותיכו, אתון מהליתו יהוו כוותן, (סנהדרין לט ע"ב).

וועלט, מוז דאָך זיין איינער וואָס האָט אַלעס געשאַפֿן און רעגירט עוויג, צו דעם איז נאָך דאָ עדות וועלכע האָבען קיינע פּניות געהאַט, וועלכע זייער נאָמען איז פאַרהיילינגט ביי אַלע נאַציאָנען אויף עוויג. אדם, נח, די אָבות, משה ואהרן, דוד און שלמה, און אַלע נביאים, און צוויי אַ האַלב מיליאָן מענשען האָבען געזעהן די ווינדער פון מצרים מיט קבלת התורה און שפּעטער האָבען געזעהען די גאַנצע וועלט ווי די נביאה פון יעדער נביא איז מקוים געוואָרען פּונקט אין דער צייט אין דער מאָס. (שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך) דאַרום שטעהט ניט אין די אני מאמינ'ס איך גלויב אַז עס איז דאָ אַ גאָט, ווייל ביי דעם פּאַסט ניט דער וואָרט גלויבען נור וויסען אַזוי ווי עס פּאַסט ניט צו זאָגען איך גלויב אַז דאָס איז מיין פאָטער.

יעצט וועל איך אייך ווייזען מיט'ן האַנט די תורה. ווען מען קלייבט זיך איבער פון איין דירה אין די צווייטע מוז מען האָבען אַ שאָדין, יודין קלייבין זיך טויזענטער יאָהר, און די תורה שרייבט אַ אָרעמער יוד ניט קיין געבילדיטער און ניט געשנירעוועטער מיט אַ קאָזאָנעם פּעצאַט און זי איז די זעלבע תורה וועלכע משה האָט געשריבין, מיט טויזענטער יאָהר צוריק, עס פעלט ניט קיין איין אות. אָט דאָס זאָגט מען אין דאַווינען קיקט יודען וזאת התורה דאָס איז די זעלבע תורה וואָס משה האָט געשריבען מיט טויזענטער יאָהר פריער פאַר וואָס איז זי אַזוי ריין און עס פעלט אין איהר ניט אַ אות ווייל (על פי ה' וביד משה) משה האָט נור אַ האַנד צו געלייגט אָבער דאָס גייט פון גאָט דאָס מול איז זי אַ אויביגע זאַך אַזוי ווי גאָט איז אַ נצחי און אַזוי איז אויך מיטען יוד אַלע וואָס ווילען אים איינשלינגען ווערען מיט אים דערוואָרגען.

אַלזאָ קינדער איך וועל אייך פּותר־חלום זיין, איר וועט ניט אויספירען, דאָס יאָ, דיא וועלט וועט איהר חרוב מאַכען מיט דעם גאַנג, דעם בעשטאַנד פון דער וועלט איז ענערגיע, איינער אַרבייט ער וויל רייך ווערען, אַ צווייטער אַרבייט איבער כבוד. אַז דער וויל רייך ווערען מאַכט ער אַ פאַבריק איינער ווילען האָבען כבוד אַרבייט ער אין חכמה אָבער אַז קיין רייכקייט וועט דאָס ניט געבען און קיין כבוד אויך ניט למאי זאָל ער אַרבייטען אומזאָנסט ממילא וועט די וועלט איינשלאָפען און אַז איהר וועט אָבטרעטן פון דער אמונה וועט איר זיך צומישען צווישען אַלע נאַציאָנען און אייער נאָמען יוד וועט אויסגימעקט ווערען און דער אויבערשטער וועט ניט באַנקראָטירען. עס איז אַרויס אַ וועלט פון נח'ן אַ פאָלק יודען איז אַרויס פון אברהם'ן וועט אַלעס בלייבען אַ תורה מיט אמונת הבורא מיט אַ פאָלק יודען וועלכע זענען נצחים.

„דער עוויגער יוד".

כי אני ה׳ לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם, (מלאכי ג).

איך וועל מיט אייך קינדער, ניט אריין קריכען אין קיין גרויסע ויכוחים, איך וועל אייך נור ווייזען פאקטעש, אז אלע אונזערע צרות קומט ארויס, נור וואס מיר האבען אבגעטרעטען פון די אמונה, אזוי זאגט אונז די גאנצע יודישע בלוטיגע היסטאריע 1), און יעצטיגע צייט אויך, לאמיר טאקע קלערען, פארוואס שלאגט מען אונז היינט, דוכט זיך ביי דאס מעהרסטע פון יוגענד, איז שוין די אמונה אין גאנצען אונטערגע־גאנגען, אלזא די זאך איז גאר פשוט, מלכותא דרקיע כמלכותא דארעא, אזוי וויא אז עס גייט ארויס א רעוואלוציע, געגען די רעגירונג, לאזט די רעגירונג ניט, די זעלבע ווען עס גייט ארויס א רעוואלוציע געגען באשעפער לאזט ער ניט 2), זעהט מען טאקע וויא עס איז מקוים געווארען די גאנצע תוכחה.

עס שטייט אין דער תוכחה, „והי חייך תלואים לך מנגד", ד״ה, דיין לעבען וועט זיין א אויפגעהאנגענער, פאר דיינע אויגען, איז דען ניט ריכטיג? אז יעדער יודענס לעבען איז א אויפגעהאנגענער פון די אללע הרוגים, פון זייער טוידט, זעהט מען אז אונזער לעבען, איז אויך א אויפגעהאנגענער. אט אזוי איז מקוים געווארען די גאנצע תוכחה, נוא! האבען מיר שאהן וואס צו האבען ויכוחים, מיר דוכט אז אללע אפיקורסים דארף׳ן מודה זיין, ווארום וואס מען זעהט מיט די אויגען דאס קאן מען ניט לייקענען.

— אמת דאס קאן מען ניט לייקענען, אז דער יוד ליידעט אימעדום, מעהר פאר אללע נאציאנען אבער פאר וואס איז אזוי? איז ער דען מיט א אנדער נאז, דוכט זיך דער זעלביגער מענטש וויא אללע, מוזען מיר זאגען אז ער ליידעט מעהר ניט פאר זיין שווערען גלויבען, ווערלכער ער שטאלצירט נאך מיט איהם, צו זאמען עסען מיט אנדערע טאר ער ניט, א שידוך טאן מיט אנדערע טאר ער ניט, דער כלל וואס ער וויל, און ווען ער וויל, און וואו ער וויל, און מיט וועמען ער וויל, טאר ער אלעם ניט, אט פון דעם דער וועקט זיך אין אלע צייטען די שנאה, ערקלעהרען מיר מיינע ליבע קינדערלעך.

— דאס איז אמת אז די שנאה איז א אלטע, 3) אבער ניט זאגען אז

---

1) הן לא קצרה וגו׳ כי אם עונותיכם היו מבדילים, (ישעיה נט).

2) והעולה על רוחכם היו לא תהי׳ וגו׳ אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם, (יחזקאל כ).

3) למה נקרא שמו סיני שירדה שנאה לעולם.

מען וואלט זיך מקרב זיין צו זיי, וואלט זיין בעסער, ווען די פראקטיקע זאגט אונז פארקערט, וואס מען רוקט זיך צו זיי מעהר, שטופען זיי אב אלעס מעהר, דוכט זיך וואס קאן שאן זיין נעהנטער, וויא מען איז מיט זיי היינט, מען גיט אים אב אסך מעהר כבוד, ווי די אייגענע עלטערען, טאמער האב איך דיר א נאמען געגעבען, נאך מיין זיידע ר׳ מרדכי, א גאון און א צדיק, א חכם א בארימטער מענטש אין דער וועלט, געפעלט דיר בעסער מאקס, ער איז שענער, און דארע איז שענער פאר די באבע דינה׳ן, זיין פנים איז שענער פאר מיינעם, זיינע וואנסעס איז שענער פאר מיין בארד, זיינע מאכלים געפעלט דאך שאהן אויך בעסער פאר אונזערע, און גאר אפען גערעדט, מען וואלט א שידוך אויך טאן מיט איהם, נור ער וויל ניט „נור איהר ווארט שאהן אויף די מזלדיגע שעה, איהר זאלט קאנען ווערען פון שונאים מחותנים" עס פעלט אויך מעהר ניט דאוונען מיט איהם גיין זיין נוסח, און היטען זיין שבת, מען האט שאן ב״ה געפרובט היטען זיין שבת אויך, און ער לאזט זיך אלעס ניט צו, מוז מען דאך מודה זיין, אז דאס איז השגחת הבורא, כדי מיר זאלען זיך ניט צו מישין מיט זיי, לייען דורך די יודישע היסטאריע וועסטו זעהען, אז ווען דער יוד וויל זיך צו רוקין צו זיי, בעקומט ער דעם גרויסען שטויס, אז ער ברעכט האלדז אין געניג, איך זאג אייך ניט מיט פילאזאפיע, נור אזעלכעס וואס מיטען האנד אן צו טאפען, זעה אין גאנץ תנ״ך, און דער נס פון פורים, און פון חנוכה, און אזוי אין אלע צייטען, און היינט אויך, דאס איז כדי מיר זאלען זעהען, ווער זיי זענען, ניט צו בענקען נאך זיי, ניט מקנה זיין זייערע גליקען, און מיט דעם וואס זיי עסען אונז זענען זיי ניט שענער פאר אונז, דער וואלף בלייבט א וואלף, און דער שאף בלייט א שאף, און מיר וועלען זיך נאך מיט זיי ניט בייטען (טוישען).

די שנאה איז דאך א אלטע, יעקב מיט עשו׳ן האבען זיך פיינד געהאט, און מיר זענען זייערע קינדער, האבען מיר זיך אויך פיינד, נור אונזער שנאה איז נאר א שנאת חנם, יעקב מיט עשו׳ן זענען געווען ביידע ריכטיגע ברודער, פון איין פאטער און מוטער, מיר זענען ריכטיגע יעקב׳ס אייניקליך, מיר האבען אונזערע יחוס־בריעף, זאלען זיי וויזען אז זיי זענען אמתה כשרה אייניקלעך עשו׳ס, וועלען מיר זיך לאזען שלאגען פון זיי גאר אהן א שום דין און משפט.

פאר וואס האבען מיר מעהר קיום פאר זיי, מעהר ניט מיט אונזער תורה, מיט׳ן אב היטען טהרת משפחה.

די יודישע ענטוויקלונג.

נאך אלע רייד, איז קיין צווייפעל, דאס ווען אונזערע יוגענד הערען היסטאריש ריכטיג די אמת׳קייט פון דער תורה און פון דער יודישער אמונה, ווי אזוי און דורך וועלכע וועגען ס׳איז ענטוויקעלט געווארען, אויב דער פונק פון יוד איז נאך ביי זיי ניט אויסגעלאשען, וועלען זיי זיך נעמען צוריק און געהן אויף די אלטע יודישע וועג.
אלזא גיבען מיר ארויס אין קורצען ווי אזוי עס האט זיך ביי אונז יודען ענטוויקעלט די תורה מיט די אמונה.

אז מען האט געגעבען דיא תורה, האבען געזעהען א ערך דריי מיליאן מענשען, איין קלוגער דור איז דאמאלס געווען, וויפיל משה האט זיי געוויזען מופתים, אונ זיי האבען איהם אללעס געפרובט.
אום־געריכט האט מען זיי די תורה ניט געגעבען, זיי האבען געהאט צייט דורך צו טראכטען די זאך, ווען משה האט זיי פריער אנגעזאגט, אז מען וועט זיי געבען א תורה.

אז עס איז געווען א בית המקדש איז בעוואוסט. — אז שלמה האט געבויעט דעם ערשטען בית המקדש ווייסין אויך אללע. — שלמה איז געווען פיר הונדערט אכציג יאהר נאך יציאת מצרים אונ קבלת התורה. אין א פארלויף פון אזוי א קורצע צייט פאלט ניט קיין טעות. — שלמה האט גילערינט ביי זיין פאטער דוד המלך, וועלכער האט גילערינט ביי שמואל הנביא. שמואל ביי עלי עלי ביי פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, אונ פנחס האט דאך אללעס היכטיג געזעהען אונ געהערט.

ביי קבלת התורה זיינען געווען זעקס הונדערט טויזענד מאן אויסער פרויען אונ קינדער, וועלכע די אללע זאגען עדות אויף דער תורה.
תורה שבכתב, דאס איז די ספר תורה. אונ תורה שבעל פה, דאס איז די רייד פון די חכמי התלמוד וואס ערקלערין די ספר תורה.
ביי קבלת התורה איז נאך געווען וואס האבען עדות געזאגט אויף די ספורים אונ נסים פון דער תורה.

פון שלמה׳ס צייט איז ווידער איבער געגעבען געווארען, דורך חכמים פהילאזאפען, בעגלויבטע לייט א דור נאך א דור, וועלכע זיי האבען קיינע פניות געהאט. זיי האבען קיין געלד גענוממען פאר זייער חכמה, זיי האבען קיין מתנות גענוממען, זיי זיינען געווען דער ריינער אמת. פאר דעם כלל ישראל האבען זיי דעם לעבען געאפפערט.

פון זיי איז געווען גבירים מיט איינענע געשעפטען, אנדערע זיינען געווען האנד ווערקער.

דער תנא הילל דער נשיא איז גאר פריער א האלץ העקער געווען. ר' יוחנן הסנדלר, ר' יצחק נפחא, ר' יוסי בן חלפתא איז גיוועז א פעל ארבייטער [1]. אבא חלקיה וועלכער די חכמים זיינען געקוממען צו איהם, ער זאלל בעטין אויף רעגין, איז ער גאר א טאג-לוינער געווען [2]. אבא בר זמינא איז געווען א שניידער. ר' אבין א סטאלער [4]. אבא אומנא א פעלדשער [5]. רב אדא א ערד-מעסטער [6].

אונטער די חכמים זיינען געווען וועלט גבירים. ר' אליעזר בן חרסום, ר' אלעזר בן עזריה. ר' עקיבא. — ביי ר' דוסא בן הרכינס איז געשטאנען גאלדענע מעביל. — רב הונא איז געפארין אין א גאלדענע קארעטע [8]. — שמואל איז געווען א דאקטאר, אויך א גרויסער אסטראנאמיקער, אונ האט א גרויסע ישיבה געפירט.

די ערשטע איבערגעבער פון דת, איז געווען פון זיי מלכים אונ נביאים, דוד, שלמה, אונ נאך! — אנדערע זיינען געווען נביאים אונ מיניסטארין. — דניאל איז געווען א מיניסטער ביי נבוכדנצר. — ביי'ם פערסישין קיסר איז געווען נחמיה א הויפס-מיניסטער, — מרדכי איז געווען ביי א אחשורש, א פעלד-מארשאל. אלכסנדר מוקדון וועלכער די וועלט האט פאר איהם געציטערט, איז ער געפאלען פאר שמעון הצדיק [9]. — ר' יהושע בן חנניא איז געווען א נאדיל-מאכער [10]) אונ דער קיסר האט איהם גערופען דער קליגסטער פון אידין. — רבי מיט אנטונינוס דער קיסר פון רום האבען געלעבט ווי ברידער. — ר' אבהו פלעגט אריין גיין צום קיסר אללס הויז-מענש, אונ מען איז איהם פון קיסר אנטקעגין געגאנגען.

דארום איז דער טיטול פון אונזערע תנאים ואמוראים, ניט מיט דעם נאמען צדיקים, חסידים, קדושים. נור חכמים, ווייל זייער חסידות אונ קדושה איז געבויעט אויף חכמה.

אין די שפעטערע צייט, איז געווען ר' שמואל הנגיד א משנה למלך אין שפאניען. — דער רמב"ם א קייזערליכער דאקטאר אין מצרים — דער אברבנאל איז געווען א מיניסטער פינאנס אין שפאניען, נאכהער אין איטליא, אונ זיי האבען געהיט פעסט דעם דת, ווי מען זעהט פון זייערע ספרים. איבערהויפט זעהט מען ארוים פון רמב"ם אז ער פארפעלט ניט אין זיין ספר קיין שום אידעשין מנהג.

יתרו

כה) אנכי ה' אלהיך (כ—ב)

דיא מצות עשה איז, דער גלויבען אז עס איז דא איין גאט אויף דער וועלט, אונ אויף אלע וועלטין, ער האט בעשאפען הימעל אונ ערד, אונ ימים, די וועלט אונ אלע וועלטין, אונ אלעס וואס אין זיי, פון קלענסטין שטויב ביז דעם גרעסטין מלאך פון כסא הכבוד, אונ די לעצטע בריה דער מענש.

גאט איז געוועזן בעפאר ער האט אללעס בעשאפען, ער איז, אונ וועט זיין עוויג, אונ קיין זאך ווערט ניט אהן זיין ווילען, דען ער הערשט איבער אללעס וואס עס געפינט זיך אין אללע וועלטין, ער איז משגיח אויף אללעס, פון דאס קלענסטע ביז דאס גרעסטע, לעבעדיגע אונ ניט לעבעדיגע ברואים, ער ווייסט אללעס פאראויס, אונ קיין טראכט איז פון איהם ניט פערבארגין, פון איהם איז קיין בעהאלטונג, דער בעשטאנד פון די וועלט אונ אלע וועלטין אונ וואס עס געפינט זיך אין זיי, הייננט אן זיין ווילין, ווען ער זאלל חלילה אבטאהן זיין השגחה איין רגע מוז בטל ווערין, אונ עס ווערט אוים.

דער מענש דארף זיך פארשטעלען ביי יעדער זאך וואס מען טוהט אדער מען טראכט, דאס דער בורא זעהט אונ הערט, אונ ווייס אללעס, ווער עס גלויבט ניט ווי דער חוב איז צו גלויבען הייסט ער א כופר בעיקר, אונ האט ניט קיין חלק אונ זכות מיט אידין.

אויף דעם זיינען מיר מחויב מיט מסירת נפש אונ מיט דעם גאנצין פאר־מאג זיך צו אפפערין.

דער עיקר איז, דאס מען דארף זיך פעסט האלטין אז דער אמת איז אזוי, אונ עס קאן אנדערש ניט זיין בשום אופן

ער איז ניט קיין גוף, אונ האט ניט קיין קערפערליכען געשטאלט, דאס וואס עס שטייט אין דער תורה די האנד פון גאט אדער די פוס אדער די אויג, אדער ווי די נביאים רופען אן דעם בורא, מיט פערשידענע נעמען, איז דאס נור צו געבען פארשטעהען דעם מענשען, ווייל אנדערש קאן דער מענש ניט פארשטעהען סיידין אז מען ערקלעהרט איהם אין דעם ארט.

מיר דארפין גלויבען דאס מיר זיינען גאר ניט ראוי צו פארשטעהען זיין גרויסקייט, נור ער קאן זיך זעלבסט.

אין דעם כלל פון דער מצוה איז, צו גלויבען דאס דער בורא האט אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים מיט גרויס וואונדער, אונ געגעבען די תורה.

די

די מִצְוָה אִיז אַזוֹי אַיין מִצְוָה וָואס מֶען אִיז אִיהר מְקַיֵּים מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, אוּנ אַז מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אִימֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים אַ מִצְוָה. וֶועלְכֶע דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם אִיז גָאר אָהן אַ בְּרֶעג.

אוֹיף דֶער מִצְוָה פוּן אֱמוּנַת הַבּוֹרֵא זַיינֶען מְחוּיָב מַאנְסְלַייט. אוּנ פְרוֹיֶענְצִימֶער יֶעדֶער רֶגַע.

כו) לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי (כ—ג)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, מֶען טָאר נִיט אַרוֹיף בְּרֵיינְגֶען אוֹיף דֶעם גֶעדַאנְק, מֵיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹי אַקְרַאפְט וָואס קָאן עֶטְוָואס טָאן אוֹיסֶער דֶעם ווִילֵין פוּן בּוֹרֵא, אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַיין מִיט הֶעלְפֶער צוּם בּוֹרֵא 1), אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַיין מַמָשׁוּת אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה, נוּר גָאט אַלֵיין אִיז אֵיינֶער.

אוֹיף דֶער מִצְוָה זַיינֶען מִיר מְחוּיָב מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אוּנ מִיט דֶעם גַאנְצִין פַארְמַאג. דֶער וָואס דֵיינְקְט חָלִילָה אוֹיף אֵיינֶע פוּן די דְרֵיי זַאכִין, הֵייסְט עֶר אַ כּוֹפֵר בְּעִיקָר אוּנ הָאט נִיט קֵיין חֵלֶק וּזְכוּת מִיט אִידִין

אוֹיף דֶעם לָאו זַיינֶען מְחוּיָב מַאנְסְלַייט אוּנ פְרוֹיֶענְצִימֶער יֶעדֶער רֶגַע.

מֶען טָאר נִיט אוֹיסְרֵיידִין חָלִילָה קֵיין דִבּוּר וָואס זָאל אוֹיסְזֶעהֶען ווִי אַיין כְּפִירָה אִין דַת.

מֶען דַארְף זַיין אָבְגֶעהִיט נִיט צוּ זָאגִין אֲפִילוּ צוּ קֵיין גֶעטְלִיכֶען טַאן מִיט דֶעם לָשׁוֹן ווִי דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם אִיז צוּ זָאגֶען: פְרִיֶער גָאט דֶער נָאךְ דֶער מֶענְשׁ הָאט מִיר גֶעהָאלְפִין,

שפז) וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִית עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם. (טו—לח)

די מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ טְרָאגֶען צִיצִת אִין פִיֶער עֶקִין בֶּגֶד.

דִיא צִיצִת דַארְף זַיין גֶעשְׁפוּנֶען אוּנ גֶעדְרֵייט לִשְׁמָה, דַארוּם דַארְף מֶען זָאגֶען פַאר דֶעם שְׁפִינֶען אוּנ פַאר דֶעם דְרֵייֶען, אִיךְ טוּא דֶעם אַרְבֵּייט לְשֵׁם צִיצִת 1).

די כַּנְפוֹת דַארְף זַיין פִיֶער קַאנְטִיג.

דִיא בְּגָדִים וָואס הָאבֶען פִיֶער בְּרֶעגֶעס, דְהַיְינוּ אַ רָאק מִיט אַ שְׁפַאלְט

1) אזוי וויא יעצטיגע צייט איז דא אין דער וועלט פאבריקין פון ציצית דארפין דיא פאבריקאנטין אויף היטין דאס, אויב ניט זיינען זייא דאך מכשיל את הרבים.

דארף מען איין בערג מאכען קאלעכדיג, ווארום אויב ניט איז מען מחויב בציצית.

מיר זענען זיך נוהג דעם גאנצען טאג גיין אין א טלית קטן ביז שלאף, אונ צום דאווינען אהן טאהן א טלית גדול.

די לייגג פון טלית קטן דארף זיין צו דריי פערטיל איל אין א זייט.

דער ארבע כנפות דארף זיין אפען פון ביידע זייטען מעהר וויא צו נויף געניים, דארום איז גלייך צו מאכען דעם ארבע כנפות מיט בענדלעך פון ביידע זייטען אונטער די ארעמס.

פאר דעם איינמאכען די ציצת, דארף מען זאגען איך מאך איין לשם ציצת.

די לעכלעך אין וואס מען מאכט איין די ציצת, דארף זיין ניט נידעריגער פון בערג כנפה ווי די לייגג פון ערשטין גליד פון גראבען פינגער, סיי אונטין סיי פון דער זייט, אונ ניט העכער אין כנפה ווי די ברייט פון דריי פינגער, פון אונטין אונ פון דער זייט, אויב מען היט ניט אב ריכטיג דיא מאס הייסט עס געגאנגען אין פסולה ציצת.

דיא געוועבטע ביים בערג טלית קטן אדער ביים טלית גדול אזוי וויא פרענדזליך, דארף מען אראב געמען פאר דעם איינמאכען 1).

דער איינמאכען דיא ציצת איז אזוי, מען נעמט פיער פעדעם, איינער זאל זיין לייגגער, דער פאדעם רופט זיך שמש, אונ מען לייגט צו נויף אין צווייען ווערט עס אכט, אונ מען ציהט אריין אין די כנפות, אונ מען מאכט צווייא קניפלעך.

די ציצה דארף הענגען אין זייט פון כנפה, ניט אראב גלייך מיטין טלית קטן אדער מיטין טלית גדול.

מיט דעם פאדעם וואס רופט זיך שמש, וויקעלט מען ארום זיבען מאהל אונ מען מאכט צוויי קניפלעך, נאכהער אכט מאהל, נאכהער עלף מאהל, דער נאך דרייצען מאהל, הייסט עס איין געמאכט פיער פרשיות, ביי יעדער מאהל מוז מען מיט צוויי קניפלעך פארקניפען.

א ברכה אויף ציצה מאכט מען ביי טאג אבער ניט ביי נאכט.

די ציצה האט אין זיך פיינע רמזים צו צו האלטען דעם יודין אין דת, אין איין מאכען דיא ציצה איז מרומז דאס דער יוד מיט דיא תורה מיט דעם בורא זענען צו זאמען געבונדען ווי איינס.

די זיבען פעדעם איז נעגין דיא זיבען הימלען, דער אכטער פאדעם דער שמש איז נעגין די ערד, דאס בעדייט דאס די וועלט איז נור בעשאפען געווארען צו בעדינען יענע וועלט. ווייל דארט איז דער אמת'ר תכלית. מען מאכט איין אין פיער זייטען, צו דער מאנען זיך אז דיא השגחה פון בורא איז אין אלע פיער זייטען וועלט.

אין די פיער ציצת איז דא צוויי און דרייסיג פעדעם, איז דאס געגין דעם בעטראף פון „לב" דיא הארץ, צום משועבד זיין די הארץ צו גאט ברוך הוא, אויך איז דא צוויי און דרייסיג וועגין פון חכמה, חכמת האמת.

דיא ערשטע פרשה איז זיבען, איז דאס געגין דיא זיבען טעג פון וואך מיטין שבת.

די צווייטע פרשה איז אכט, איז דאס געגין אכט טאג פון געבארין ביז בעקומען דעם זיגיל פון א יוד.

דיא דריטע פרשה איז עלף, איז דאס געגין דיא פינף חומשים תורה שבכתב מיט די זעקס סדרים גמרא תורה שבעל פה, וועלכע דאס איז אונזער תורה וואס איז געגעבין אויף דעם בארג סיני.

דיא פירטע פרשה איז דרייצען, איז דאס געגען דעם באטרעף פון אחד, איז דאס מרומז אז דער יוד אויף דער וועלט אין זיין צייט דארף ער זיין צו געבונדין צום בורא און צו דיא תורה, אויך איז א רמז דאס צו דרייצין יאהר ווערט ער א יוד.

אלע פרשיות בעזאמען באטרעפין ניין און דרייסיג, איז דאס געגען דעם בעטרעף פון ה׳ אחד.

דארום קאן מען זאגען איז דא שבת ניין און דרייסיג מלאכות וועלכע אויב מען טוהט פון זייא אום שבת איז מען חייב מיתה, ווייל שבת איז דער ערשטער יסוד צו וויסין אז ה׳ אחד.

דיא ליינג פון דיא ציצה דארף זיין פון צוועלף גודלין אין דער ברייט דאס הייסט וויא צוועלף גראבע פינגער, איין דריטיל דארף פארנעמען דער ארום וויקלען, צוויי שליש דארף פארנעמען די פעדעם.

אז צווייא פעדים האבין זיך צו נומען פון זייער צונויף דרייאונג איז דיא ציצה פסול.

אז עס רייסט זיך איבער א פאדים פון ציצה אין דעם ארט וואו מען ציהט אריין די ציצה איז די ציצה פסול.

אז עס רייסט זיך איבער איין פאדים פון ציצה, איז דיא ציצה כשר.

אז עס רייסט זיך איין די כנפה מאג מען ארויף רוקין דיא ציצה און צו ציעען די כנפה, אויב דיא כנפה איז איבער געריסין אין גאנצען טאר מען ניט פריער אריין זעצין די ציצה און דער נאך פאר נייען די כנפה, נור מען מוז פריער פארנייען דיא כנפה דער נאך דיא ציצה איינמאבין.

אז מען דערזעהט ביי זיך א פסלה ציצה, מוז מען באלד אויס טאהן און מען טאר ניט גיין אין טלית קטן איין מינוט, אויב מען דערזעהט דאס אין שוהל אדער נור צווישען מענשין דארף מען גיין אהיים און באלד אויסטאהן, אויב מען געפינט אין טלית אין שוהל שבת אז דיא ציצה איז פסול און מען בעקומט ניט קיין אנדער טלית מאג מען דאונען אין זעלבען טלית. דאס איז

אלעס גירעדט אז ער האט פאר שבת ניט געוואורט פון דעם. אבער קיין ברכה אויף דעם טלית טאר מען ניט מאכין.

מען איז זיך נוהג אויף דעם טלית קטן צו מאכין על מצות ציצית [אויב ער האלט דעם שיעור וויפיל ער דארף האלטין] און אויף דעם טלית גדול מאכט מען להתעטף בציצית 1), נור וויל מען טוהט אן דעם טלית קטן אומגעוואשין, אויך דאס מעהרסטע טליתים קטנים האלטין ניט דעם שיעור, דארום זאגין דיא פוסקים, בעת מען מאכט דיא ברכה אויף דעם טלית גדול זאל מען האבין אין זינען צו פטרין דעם טלית קטן אויך.

פיל מענשען זיינען פארגרייזט, זייא מאכען א ברכה על מצות ציצית און באלד מאכין זייא א ברכה אויף דעם טלית גדול, איז איין ברכה א ברכה שאינה צריכה, דאס הייסט זיא איז א איבעריגע ברכה ווארום מיטין טלית גדול קאן מען פטרן דעם טלית קטן.

דער אנטאן דעם טלית גדול דארף זיין אזוי, בעת מען נעמט אן מיט די הענד צום אן טאן זאל ער שטיין א ווייל'ע און טראכטין אז ער וויקילט זיך ארום מיט דיא ציצית צו דער מאנען זיך דיא מצות פון בורא, און מאכין דיא ברכה, דערנאך אריבער העקין זיך מיט דעם טלית ביז דיא מויל, און נעמען דיא צוויי ציצית פון רעכטין זייט און אריבער לייגין אויף דעם לינקען זייט, און שטיין אזוי ווי עס גידויערט דער גאנג פון פיער איילין.

איבער דיא צייט פון דאוונען דארף זיין צוויי ציצית פון הינטין און צוויי פון פארינט. דיא וואס פארשטעקין אלע פיער ציצית פון פארינט אין גארטיל, איז דאס א גרייז ווארום דער ווילנער גאון וויל האבין אז אפילו צו קריאת שמע זאל מען אויך מער ניט האלטין די פאדערשטע צוויי ציצית. 2)

פאר דעם מאכען דיא ברכה דארף מען בודק זיין די ציצית, דיא פעדים וועלכע היינגען אראב, און וועלכע אויף דער כנפה וואו מען ציהט אריין דיא פעדים און וואו עס איז ארום געוויקילט.

אז מען גייט ארויס אין מיטין דאוונען, דארף מען ניט מאכין נאך אמאהל א ברכה אויף דעם טלית.

א פסלה ציצה טאר מען ניט אוועק ווארפין בבזיון.

דיא מצות ציצית וואס א יוד טראגט איז גלייך וויא דער זעלנער טראגט פאלעטין איהם צו דערמאנען אז ער האט אויף זיך דעם שיעבוד מלכות 3), אזוי דערמאנט א יודין דיא מצות ציצית אז ער איז א יוד, און פערהיט איהם פון שלעכטעס, דאס דערמאנט איהם אלע מצות, וויא דיא גמרא זאגט ציצית בעטרעפט זעקס הונדערט, די ציצה איז אכט פעדים מיט פינף קניפ, איז דאס

זעקס

---

1) מיט א פתח אונטערין בית, די ברכה דארף מען מאכין שטייענדיג. 2) ובן הוא בירושלמי. 3) מנחות מ"ג תוס' ד"ה הותם.

זעקס הונדערט דרייצין, גענגען דיא תרי"ג מצות, דאס דערמאנט דעם יודין צו היטין זייא מקיים צו זיין, וויא עס שטייט אין פסוק וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה').

אויך פאר היט איהם דיא מצות ציצית פון זנות אונ פון אפיקורסת, דארום איז באלד ביא מצות ציצית פאר זאגט דער לאו פון „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

דיא גמרא ברייננט א געשיכטע פאקטיש וויא דיא ציצית האבין איינעם א תלמיד חכם אב געהיט פון זנות וואס ער איז דורך געפאלין, דען דורכפאלין קאן טרעפין דעם גרעסטין, אבער דעם ניצול ווערין דער פיי דארף מען האבין מעשים טובים.

דיא זאך איז גישעהען אזויא, ער האט גיהערט אז אין א שטאט ביים פארט ים איז דא א גרויסע שוינהייט, האט ער איהר געשיקט פאראויס פיער הונדערט רענדלעך אונ איז געקומען צו איהר.

זיא האט געלאזט צו קלייבין דעם ציממער מיט זילבערנע אונ גאלדענע מעביל מיט גאלדענע שטיגין ארויף צו גיין צו איהר, אונ זיא האט זיך גיזעצט נאקעט אויף א גאלדענע בעטיל, ער האט זיך אויך גיזעצט געגין איהר מיטין זעלבין שטאנד, זיינען געקומען דיא פיער ציצית מיט זייער הייליגען געדאנק אונ איהם געקלאפט אויף זיין געזיכט, איז ער באלד אראב אונ זיך געזעצט אויף דער ערד. אויף איהם קוקענדיג איז זיא אויך אראפ אונ זיך געזעצט אויף דער ערד.

זיא זאגט צו איהם איך שווער דיר ביי דעם לעבין פון מיין מלך דער מלך פרס, דאס איך וועל דיר ניט אב לאזין ביז דוא מוזט מיר זאגין וואס פאר א פעהלער דוא האסט אין מיר געזעהען, ענטפערט ער, איך שווער דיר אז איך האלט דיר פיר איין שוינהייט אין דער וועלט, נור מיר האבין א מצוה מיט דעם נאמען ציצית, ביא דעם שטייט צווייא מאהל אני ה' אלהיכם, איך שטראף דעם פערברעכער אונ בעצאהל גוטעס ווער עס פערדינט, אט דיא פיער ציצית האבין זיך מיר פארגישטעלט וויא פיער עדות אונ קלאפין מיר אויף מיין געזיכט אונ לאזין מיר דעם פערברעך ניט טאן.

דא זאגט זיא איך לאז דיר ניט אב ביז דוא זאלסט מיר זאגין דיין נאמען אונ דעם נאמען פון דיין רבי מיט די ישיבה וואו דוא האסט דארט גילערינט דיא תורה. ער האט איהר אלעס ריכטיג אויבגעשריבין אונ איז אוועק. זיא האט באלד איהר גישעפט אב געלאזין, אונ האט איהר גוטעס צו טהיילט, איין דריטיל האט זיא אב גיגעבין צו דיא מלוכה מען זאל איהר ארויס לאזין פון דער מדינה, איין דריטיל האט זיא צוטהיילט פאר ארעמע, אונ א דריטיל האט זיא מיט גענומען, אויסער דיא מעביל וועלכע זיא האט געהאט צו גיקליבין דאס האט זיא גילאזין, אונ זיא האט זיך געלאזט גיין צו רבי מאיר'ן אין זיין ישיבה

זיא

װיא איז געקומען צו רבי מאיר און זאגט רבי איך װיל מיך מגייר זיין, זאגט רבי מאיר, מיין טאכטער פליכט האסטו געװארפען דיין אויג אויף איינעם פון די תלמידים, איז דאך דאס ניט מיט איין אמת, האט זיא ארויסגענומען דעם אויםשריפט פון זיין תלמיד, דא זאגט רבי מאיר אויב אזוי גיי פריי זיך מיט דיין איינקויף, די מעביל װאס דוא האסט צו געקליבען באיסור זאל זיין פאר אייך בהיתר, רבי מאיר האט איהר מגייר געװען, און דער תלמיד האט איהר פאר א פרוי גענומען.

זעהען מיר װי גרויס די מצות ציצת איז, דעם תלמיד האט דאס אבגעהאלטין פון דעם פארברעך, און זיא איז ארויס פון איהר שלעכטע װעג, און נאך מקבל געװען דעם דת יהודית.

נאך דיא אללע ערקלערונג דארף יעדער יוד מהדר זיין אין מצות ציצת א פיינעם טלית קטן א װאלענעם ער זאל האלטען דעם שיעור װי נייטיג איז, די קינדער דארף מען איינגעװאהנען אין דער מצוה פון ציצת.

מיר זאלען זוכה זיין די מצוה מקיים צו זיין אין גאנצען װיא עס שטייט אין דער תורה הכנף פתיל תכלת והיה לכם לציצת, װיא די גמרא זאגט תכלת דער מאנט דעם מענשען צו דינען דעם בורא װאס זיצט על כסא כבודו 1).

שפח) ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. (טו—לט)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו טראכטין אזעלכע געדאנקען, װעלכע ברענגען צו אפיקורסת, אויך ניט װעלין דער גיין דעם גרונד פון חכמת אלהות, און ניט נאך נאנדלין די אויגען נאך זנות, דאס הייסט ניט מאכען נאהענדע אויף טראגע מיט פרויענצימער.

אין דעם כלל איז, ניט נאך צו יאגין זיך נאך אנדערע תענוגים און תאות עולם הזה.

דער מענש דארף זיין זעהער געהיט פון שלעכטע געדאנקען דען אינדעם װענד זיך אלעם.

דער װאס איז עובר און טראכט פאלשע געדאנקען אין דת, אדער ער טראכט װעגין זנות אדער ער יאגט זיך נאך, נאך די קערפערליכע תענוגים, איז ער עובר אימעער דעם לאו און די עבירה איז זעהר הארב עס פארפירט איהם פון יענע װעלט, און עס איז איהם מטמא זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים, קערפערליכע און גייסטליכע.

די גמרא זאגט די הארץ און די אויגען זיינען די סרסרים פון עבירה, די אויג זעהט און דיא הארץ געלוסט, דיא איבעריגע אללע אברים פון קערפער שטעהען פארטיג צו אלע צייט צו פאלגען װי דינער דעם הארין.

דארום

---

1) תכלת דומה לים, ים דומה לרקיע, רקיע לכסא הכבוד.

דארום איז באמת די מצוה א גרויסער יסוד אין דת, ווי די חכמים זאגען [מצוה גוררת מצוה, עבירה גוררת עבירה], דאס הייסט איין מצוה ציהט דיא צווייטע מצוה, אונ איין עבירה ציהט דיא צווייטע עבירה, ווען מען זאל נור איין מאהל נאך געבען דעם געדאנק צו ערפילען די שלעכטע תאוה, וועט שוין נאך ציהען אימער, ביז מען איז שוין אויף זיך זעלבסט קיין בעל דעה ניט אב צו האלטין, אבער ווען מען זאל זיך איינמאהל שטארקען ניט טראכטען אונ פאר-מאכען די אויגען פון זעהען וואס מען טאר ניט, וועט שוין זיין גרינג אב צו האלטען זיך פון שלעכטעס אונ טאן גוטעס, דען די תאוה ציהט דעם מענשען אזוי ווי דעם זויפער ציהט צו טרינקען דעם וויין, וואס ער טרינקט מעהר וויל ער מעהר, ווען ער זאל אבער אין מיטין אב האלטען פארלעשט איהם דער ברען פון דער תאוה צו טרינקען, אונ איז גאר צו פרידען פון דעם, די זעלבע איז אין אללע תאות וואס מען טהוט מעהר גלוסט מען מעהר, אבער ווען מען האלט זיך איינמאל אב האלט דאס איהם אב אויף ווייטער.

סג) ולא תלכו בחוקות הגוי (כ—כג)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט נאך צו גיין נאך דיא מנהגים פון דיא געצינדינער, אפילו ניט פערגלייכען זיך צו זיי ניט אין זייער גאנג ניט אין די קליידער, אדער ארום גאלין די קאפף אונ אין מיטין לאזען האר.

מען טאר ניט פערביי גיין אין די פיער איילין פון די געצינבילדער אונ נים הערין זייער זינגען אונ שפילין, אונ א פשיטא ניט אריין גיין אין די קירכין פון די געצינדינער.

דער כלל איז, דער יוד דארף זיין אויסנאמונג אין זיין גאנג אונ אין אלעס. דיא גמרא זאגט, אין מצרים זיינען יודין אויסגעלייזט געווארין פאר דער צייט ווען אויך זיי זיינען געוועזען ניט פיל בעסער פאר די מצרים, נור מיט דעם וואס זיי האבען ניט פארביטין די נעמען אונ די שפראך אונ די קליידער, ווייל דאס הייסט א צאם פאר דעם יוד אז אין אלע צייטין אומעדום זאל ער ניט פאר-לארין גיין אונ אוים מישין זיך צווישין אנדערע, אבער די וועלכע ברעכין אוים דעם צאם פערדארבין זיי דעם כרם ישראל.

רנב) לא תקיפו פאת ראשכם (יט—כז)

די מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט אראב נעמען דיא פאות.

פאות הייסט, די האר וועלכע וואקסט ביי די שלייפין פון שטערין, טאר מען זיי ניט אראב נעמען ביז אז עס זאל אויסקומען גלייך מיט די האר פון וואס וואקסט איבער די אויהערין, נאר עס מוז בלייבין קאנטיג פאות.

אַז מֶען גֶעמְט אַרָאפּ דִי פֵּאוֹת אִיז מֶען עוֹבֵר צְוֵויי לָאוִין, פִיר יֶעדֶע פֵּאָה
אַ בְּזוּנְדֶערִין לָאו, אוּנ מֶען שְׁלָאגְט אִיהם דָאפֶּעלֶע מַלְקוֹת.

רנג) וְלֹא תַשְׁחִית פְּאַת זְקָנֶךָ (שם)

דִי מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אִיז, מֶען טָאר נִיט אָבּ גָאלִין דִי בָּארד.

פַאר גָאלִין דִי בָּארְד אִיז מֶען עוֹבֵר פִינְף לָאוִין, אוּנ מֶען שלאגְט אִיהם פִינְף מָאהל מַלְקוֹת.

דַארוּם שְׁלָאגְט מֶען פַאר גָאלִין דֶעם בָּארְד פִינְף מָאל מַלְקוֹת, ווייל דִיא בָּארְד צוּ טְהֵיילְט זִיךְ אוֹיף פִינְף אָבְּטְהֵיילוּנְג, צְוֵויי פוּן דֶער רֶעכְטֶער זַייט בַּאק אוּנ צְוֵויי פוּן דִי לִינְקֶע זַייט בַּאק. אֵיינֶע אִין מִיטִין מָארְדֶע, דַאס רוּפְט זִיךְ (שִׁיבּוֹלֶת).

דִי פִינְף לָאוִין אִיז עוֹבֵר דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ גָאלִין, אוּנ דֶער גָאלֶער בְּעֶנְאנְדֶער.

פְרוֹיֶענְצִימֶער טָארִין אוֹיךְ קֵיין מַאנְסְפֶּערְזָאן נִיט אַרָאבּ גֶעמֶען דִיא פֵּאוֹת אָדֶער אָבּ גָאלִין דִי בָּארְד.

דֶער רמב"ם רֶעכִינְט דִי וֶועלְכֶע גָאלִין אָבּ דִיא בָּארְד אָדֶער גֶעמֶען אַרָאבּ פֵּאוֹת פַאר אֵיינֶע פוּן דִי גֶעצִינְדִינְסְט.

אִין סֵפֶר נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל פוּן מְחַבֵּר סֵפֶר „חָפֵץ חַיִּים" שְׁרֵייבְּט עֶר אַזוֹיא, בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז דָא פִיל מֶענְשֶׁען וֶועלְכֶע בַּיי זֵיי אִיז הֶפְקֵר גֶעוָוארֶען דֶער אִיסוּר אוּנ ווילִין גָאר נִיט פַארְשְׁטֶעהֶן אַז בַּיי דִי עֲבֵירָה שְׁטֶעלֶען זֵיי אַיין דֶעם לֶעבִּין וָוארוּם אִין אַ קוּרְצֶע צַייט קָאן עֶר הָאבֶּען גֶעטָאהן הוּנְדֶערְטֶער עֲבֵירוֹת, אוּנ אִין אַ צַייט פוּן יָאהרִין קְלַייבְּט זִיךְ צוּנוֹיף טוֹיזֶענְדֶער עֲבֵירוֹת, פוּן יֶעדֶער עֲבֵירָה וֶוערְט אַ מְקַטְרֵג, צוּ דֶער צַייט וֶוען מֶען אִיז דֶעם מֶענְשֶׁען דָן, שְׁטֶעלֶען זִיךְ דִיא מְקַטְרִיגִים מְעוֹרֵר דִין זַיין אוֹיף אִיהם, אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶער שְׁטְרָאף פוּן יֶענֶע וֶועלְט, דֶער עָוֹן אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פַאר אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, ווייל עֶר ווייזְט בְּפַרְהֶסְיָא פַאר אַלֶעם אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין מוֹרָא פַאר גָאטט ב"ה, אוּנ אִיהם אַרְט נִיט פַאר זַיין רָצוֹן.

וֶוען אוֹיךְ אַ מוֹרֵד בְּמַלְכוּת אֲפִילוּ בְּעֶהַאלְטִין אִיז זַיין שְׁטְרָאף גְרוֹיס, נָאךְ גְרֶעסֶער אִיז אַז עֶר אִיז אַ מוֹרֵד בְּמַלְכוּת בְּפַרְהֶסְיָא אוּנ טְרָאגְט נָאךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֵייכִין צוּ ווייזִין דִי וֶועלְט אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס אוֹיךְ, דֶער מֶענְשׁ טְרָאגְט אַ צֵייכִין בְּפַרְהֶסְיָא ווייזִין אַז עֶר אִיז מוֹרֵד אִין גָאט אוּנ אִין זַיין תּוֹרָה.

אוֹיךְ אִיז דִי עֲבֵירָה הַרְבֶּער פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת, ווייל אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת אִיז נוּר וֶוען עֶר טְהוּט דִי עֲבֵירָה דַאן אִיז עֶר עוֹבֵר, אָבֶּער דִי עֲבֵירָה פוּן בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת טְרָאגְט עֶר אִימֶער, טָאג אוּנ נַאכְט, וואכֶענְדִיג אוּנ שְׁלָאפֶענְדִיג, ווייל וואוּ עֶר גֵייט וואוּ עֶר שְׁטֵייט גֵייט זִיא מִיט אִיהם מִיט, זִיא אִיז אִימֶער אִין אִיהם בַּאהֶעפְט.

דאס איז גאר די פינצטערע מאדע וועלכע איינער קוקט אויף דעם צווייטין וועלכע מען טוהט דאס גאר אהן א רעכענונג, ניט דאס איז שיין ניט דאס איז געזונד, אין געגענטהייל עס איז גאר אומגעזונד צו די ציין, ווי עס איז ידוע. שיין איז דאס ניט, דען מיר זעהען פרינצין, מלכים טראגין בערד, אונ באמת איז העסליך צו זעהן ווי שווארין אונ בלאה עס ווערין די באקין נאך דעם גאלין פראסט א עקיל צו קוקען.

פון מלוכה איז ערלויבט זעלנער צו טראגין בערד.

ווי אזוי איז מען דאס אזוי אונ פארשעמט אויסצורייסען פינף לאוין פון דער תורה וואס השי"ת האט פערזאגט, דאס איז נאר דיא פינצטערע מאדע, אונ עס פאלין אריין אין דעם פייער עהרליכע יונגע מענשין ביז עס איז פארשפרייט געווארין אין דער וועלט אונ דאס פלייצט ווי א שטראם, ווייטער אונ ווייטער.

באמת איז דאס א פארפירונג, וויא עס פארפירט דעם טרינקער דיא וויין, אבער דער וואס שטייט דערביי זעהט ווי מיאוס אונ שעדליך דאס איז.

באמת לאם מיר זעהן וואס פיר א נוץ קאן דאס בריינגען, דער גאנצער פוצין איז דאך נור גיפעלין צו ווערין די וועלט, ווי אנדערע זיינען פערנארט אונ זאגין עס מאכט יונגער די געזיכט. געגען די נאטור האט קיינער קיין קראפט, די יאהרין זאגין אויס דעם געזיכט, אונ דער גאלין די בארד קען גאר ניט פאר־שטעלין די יאהרין.

דער כלל, אויף דעם איז גאר קיין זכות צו געפינען, דען מיר זאלען בעטראכטען ווי פיל די תורה האט פערהיט דעם מענטשין, דער דין איז די וואנסען ווייל זיי שטערען צום עסען, מאג מען זיי אראב נעמען, די בארד אבער טוט קיין שאדין, טאר מען ניט אראב געמען, טוהט מען היינט דווקא פארקערט, דעם בארד מוז מען אב גאלין אונ עובר זיין פינף לאוין, אונ עס איז נאך ניט גענוג מיטין שערין וואס דער ביי איז מען ניט עובר קיין פינף לאוין, נאר אב גאלין ביז גרונד, אונ וואנסען טראגט מען וואס לייננער.

בעטראכט נור ווי גרוים דער חילול השם פון דעם איז צווישין יודין, אונ ביי אלע נאציאנען קומט ארוים פון דעם נאך גרעסער דער חילול השם, דען צו זיי איז דאך אויך בעוואוסט דער איסור פון דער תורה, אונ זיי זעהען וויא יודין טרעטין דאס אונטער די פים.

מיר האפין דאס אונזערע ריכטיגע ערקלערונג זאל מאכין איין איינדרוק ביי די יונגע מענשין וועלכע די יודישקייט האט נאך ביי זיי א ווערדע, ווען זיי זאלין די אלע רייד אין געדאנק אריין געמען ווערט אויף זיי געווים ווירקין צו עפענען די הערצער אונ קומען צום אמת'ן פערשטאנד.

ווען אויך דער עונש פון דיא לייט וואס גאלין איז גרוים, וויא מיר האבען ערקלערט, אבער דער עונש פון גאלער וואס מאכט דאס פיר א געשעפט איז נאך גרעסער, נוארום וויפיל לאוין יעדער איז עובר פאר זיך, איז דער גאלער עובר

גענעז

גענען אלעמען, פיר יעדע בארד וואס ער גאלט איז ער עובר פינף לאוין, און זיין לעבענס-פערלויף האט ער אויף זיך מיליאנען לאוין, ער איז א פערפאלענער אויף עוויג, ער האט גאר קיין האפענונג צו קומען ווען צוריק צום בונד פון כלל ישראל אויב ער ווארפט ניט אוועק.

אמונה והשגחה

כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך.

א.

אין אמת דארף גאר דער מענש ווייט ניט זוכען נפלאות הבורא, ער געפינט דאס ביי זיך אין זיין קערפער. ער זאלל נור ארום טראכטין פון וואנען זיין שטאממע קוממט ארויס. אויב עס איז גאר גלויבליך דער פון זאל אזוי א מין בריה מיט דעם נאמען מענש ארויס-קוממען.

דער מענש קומט ארויס פון איין קראפט וועלכע מען בעקוממט דאס פון שפייז. די ערשטע קוועלע פון אללע שפייז איז די געוואוקס „צומח” וואס דאס קוממט ארויס פון דער ערד, „דומם”. און דער פון קוממט ארויס דער חי דער מדבר דער מענש, וועלכער האט א ממשלה אין די וועלט.

בעטראכט נור דעם געביי פון גאנצען קערפער, אינערליך און אויסערליך, ווי עס איז געשלאסין מען זאל זיך קאנען בייגען, קנייצען, ווי מען וויל, און ווי עס איז געבויט יעדער זאך בכונה.

די אברים זיינען דאס מעהרסטע בעשאפען דאפעלע. זיי זאלין איהם פאלקאם נוצין, און כדי איינע זאל בענוצין פאר די צווייטע, ווען עס טרעפט זיך בעהיטע גאט איין אומגליק, — דער לונג, דער מוח, איז אויך אין צווייען בעשאפען. די אויג איז טיף אריין געזעצט, מען זאל זיך ניט גרינג קאנען אב-קלאפען, און מיט א ברעם צו גידעקט, מען זאלל קאנען פארמאכין ווען מען וויל. — די מויל צום עסין, די ציין צום קייען, דער מאגין צום קאכין. — דער מאגין צו מאלט דעם עסין גאנץ דין און שיקט אריין אין די גדערעם, דארט ווערט דאס ווי מילך, די שמוץ וואס בלייבט איבער, שיקין אב די גדערעם ארויס צו ווארפען. דער מילך זאנפט שפארט דורך, דורך די הויט פון די גדערעם אין לעבער אריין. אין לעבער ווערט דאס בלוט. — פון לעבער גייט א אדער צום הארץ, דורך דעם אדער גייט די בלוט צום הארץ. — די הארץ שיקט די בלוט פערנאנדער אין גאנצין קערפער, דער פון וואקסין די פלייש, די

ביינער, די מארך, און עס ווערט געשפייזט דער גאנצער קערפער. פון הארץ גייט א גראבער אדער אין לונג אריין.

דער געוויינליכער קערפער האט 30 פונט בלוט. די בלוט גייט דורך די לונגען 48 מאהל אין א מינוט, און דורך די הארץ לויפט דורך די בלוט ביז 96 מאהל אין א מינוט.

דער גאנצער קערפער וואו עס גייט דורך די שפייז און וואו עס לויפט דורך די בלוט דורך די אדערין, איז צו גערעכט ווי רעקעלעך, ווי די שפייז די בלוט גייען פארמאכען זיך די רעקעלעך, עס זאל צוריק ניט שפארען.

ב.

עס איז צו בעוואונדערין ווי רייך די בריאה איז געמאכט. צו פארהיטין איהר פון שאדין. דער גארגיל איז איין לופט־פומפע צום לונג. דער וושט טראגט אריין די שפייז, די געטראנק, אין מאגין אריין. דער גארגיל שטעהט אין האלדז פאר דעם וושט. די שפייז די זופ האט קיין אנדער וועג צו גיין נור איבער דעם גארגיל. ווען דער גארגיל זאל בעקוממען עטוואס פון דעם, ווערט מען דער שטיקט.

דער גארגיל האט אויף זיך א הייטיל, נור א גאנץ דינער שפעלטיל איז אפען, אריין צו פומפען און אויס צו פומפען די לופט. דער שפאלט רופט זיך שטימע שפאלט. ווייל ווי דער אויר קוממט איבער דעם שפאלט גייט ארויס דער קול. אום צו פאר היטין פון אסכנה גייט ארויס פון האלדז איבער דעם שפאלט א רעקיל וואס דעקט אב און דעקט צו בייא יעדער ביסין וואס גייט אין וושט. — אין דער צייט פון עסען דארף מען דאך אויך האבין לופט, קאן דאך דורך דעם רעקיל אריין גיין ברעקלעך פון שפייז אין שפאלט אריין. איז געמאכט געווארין ביים האלדז צוויי שפאלטין, אויב עס וועט פארבלאנדזען א ברעקיל, זאל אריין פאלען אין די שפאלטין, דארט איז דא א מין פייכטקייט וואס עס צו לאזט די ברעקליך. און עס מאכט גלאט ביז עס פאלט ארויס.

דארום פארזאגען אונזערע חכמים מען זאל ניט ריידין אין עסען, ווייל ריידינדיג קאן עס אריין פאלין אין שטימע־שפאלט. דאן איז שאהן א סכנה. ווי מען זעהט אפט מאהל ריידינדיג אין עסען פאנגט מען אן צו הוסטין אונ שטיקין זיך, ווייל עס איז אריין א ברעקיל אין שטימע־שפאלט. שטיקט עס דעם אויר אין די לונגען, הוסטינדיג פאלט עס ארויס. דארום דארף מען זיך בעססער פארהיטין עס זאל ניט קומען צו דעם.

ג.

זעה אויב דער קערפער איז ניט איין געטיילט ווי א פירשטליכער הויז

מיט אב געשטעלטע דינער, איינער וועלכער ברענגט אריין אין הויף און גיט איבער צום צווייטן, דער צווייטער נעמט צו און האלט ביי זיך ביז עס ווערט בעטהיילט דער גאנצער הויף. דער דריטער טהיילט פערנאנדער יעדערען ווי נייטיג. דער פירטער ריינגט אפ דעם הויף פון דיא שמוץ פון דער גאנצער צייט.

דאס איז די פיר קראפטין וואס וויקען איממער אין מענשען. א) כח המושך" דאס איז דער כח וואס ציהט אריין די שפייז אין מאגן אריין. ב) „כח המחזיק" דער קראפט וואס האלט איין די שפייז יעדער אין זיין בעשטימטען ארט, אין זיין אבגעשטעלטע צייט. ג) „כח המבשל", דער אפאראט וואס קאכט־ אוים בעמיצנע די שפייז, פאר יעדער אבר ווי ער האט נייטיג. ד) „כח הדוחה" וואס ווארפט ארויס די פסולת פון קערפער, צו דער צייט ווען די שפייז האט שאהן אב געטאהן איהר ארבייט

ד.

בעטראכט נור די מאשינען וואס איז אין מענשען, די געפינסט אין מענשען. דעם לאקאמאטיף, וואסער־צאנג, טעלעגראף, טעלעפאן, פאנאגראף, פאטאגראף, טיפאגראף.

דער לונג איז א לאקאמאטיף וואס גיט פאהרע און בעהייצט, ער דיסטא־ לירט וואסער. די נאטור פארשער ערקלערין וויפיל ארבייט דער לונג טוהט אב דארף מען אויף דעם שטעל א מאשין גרויס ווי א הויף פון צוואנציג פאמיליען מיט פערשידענע אינסטרומענטין, און דער לונג איז גרויס ארום צו נעמען ווי מיט ביידע הענד.

די הארץ טרינקט אן קינסטליך מיט בלוט דעם גאנצען קערפער. זיא ארבייט מעהר און בעססער ווי דער גרעסטער וואסער־צאנג פון די גרעסטע שטאט אין דער וועלט.

חכמת מוזיק געפינט מען אין אויהער. עד היום איז מען נאך ניט דער־ גאנגען אין גאנצען די חכמה וואס ליגט אין אויהער, דער אויהער איז א טעלע־ פאן, ווי מען רעדט דא, דער הערט דער מוח דארט.

די אויג איז א פאטאגראפיע וואס כאפט אראפ אויף זיך פון וואס זיא דער־זעהט.

די קאפ איז א פאנאגראף און א טיפאגראף בעזאממען, אלעס וואס מען זעהט און מען הערט בלייבט דאס פון אינעווייניג אזוי ווי אב געדרוקט, און מיט דער מויל רעדט מען דאס אויס.

און דו מאדאם, זאג מיר: און וואס ביי דיר אין בויך טהוט זיך ווייסטו? ווי קומט דאס עפעס די מאגנעטישע פליוס צו דער צייט פונקט אלע מאל גלייך, און ווי אזוי לעבט דאס קינד ביי דיר אין בויך, עסט און טרינקט פון דאס זעלבע וואס דו עסט און טרינקסט, און ווען דאס קינד זאל נאר ביי דיר איין מאל שטוהל לאזען שטארבסטו ווייסטו? ער מאכט זיך ביי דיר א בעקוועמע דירה א דריי-שטאקיגע הויז, אלע דריי מאגאטען געהט ער איבער אין א העכערען שטאק, דאס קינד ליגט אינוועניג ווי א קנויל און מיט'ן פנים אראב, ארויסגעהן געהט ער ארויס מיט'ן קעפעל ווען ער געהט מיט די פיסלעך זענט איהר ביידע אין געפאהר, א זכר געהט מיט'ן פנים אראב א נקבה געהט מיט'ן פנים ארויף, און פארוואס געהט די נקבה אנדערש פאר דעם זכר פערשטעהסטו? די נקבה פאר'ן ארויסגאנג מוז זי זיך איבערדרעהען, ווי אבער אז דיין מאכטער טרעפט ניט אזוי גיך צו מאכען די קונץ שמעקסטו שוין מיט'ן טוידט, נו! זיי מיר א בריה און פיהר דורך דאס קינד פון דריטען שטאק מיט דיינע הענד אין בעסטען ארדנונג!

אז דו קאנסט ניט פערשטעהן די וועלט וועלכע דו זעהסט מיט דיינע אויגען, אז דו פערשטעהסט נישט וואס ביי דיר זעלבסט טהוט זיך, דו ווילסט פערשטעהן און בלייבסט ביים וועלען, ווי אזוי האסטו אין זיך אזא בריטקייט צו זאגען א דעה דיין מיינונג אין אזעלכע גייסטליכע איידעלע זאכען אז די וואנע איז ניט ערגער פאר די מקוה? אז דו פערשטעהסט נישט ווי דער מענש ווערט געבויט, ווי אזוי ער-לויבסט דיך צו ברעכען די געטליכע געזעץ וואס האט פעראָרדענט אין דעם? שוין פערשטעהסט נישט אז צום ברעכען דארף מען ווייניג חכמה און מיה נאר פויסטען-קראפט, וואס פיעל אינזשינערען בויען יאהרען לאנג קומען אייניגע באנדיטען מיט קוילען אין די הענד און צוברעכען אין אייניגע שטונדען... די גייסטליכע ריינליכקייט פון יודישען הויז וואס זי האט זיך געבויט טויזענדער יאהר, ווילסטו קומען מיט א באמבע אין האנד און צוברעכען אין איין סעקונדע.

מיר דארפען גאר נישט וועלען פילאזאפירען זיך אין אזעלכע זאכען וואס זענען העכער פאר אונזער פערשטאנד, מיר דארפען נאר פאלגען דעם וועלט-פראפעסאר וועלכער ער ווייסט די קראנקהייט און ווייסט איהר מיט וואס צו קורירען. דער בורא איז דער יוצר הנפשות ער ווייסט וואס די טומאת נדה בעדייט, ווי דער גאנצער תנ"ך איז פול אז טומאת נדה איז א שרעקליכע טומאה, עס איז מטמא דעם גוף און דעם נפש פון מענשען און ס'איז נאך א קלעפיגע זאך אויך, אז ווען דער מאן איז מיט איהר אהן טבילה אין א כשר'ע מקוה געהט איבער די טומאה צו איהם אויך (ותהא נדתה עליו) און זענען ביידע חייב כרת, דער גוף ווערט פער-שניטען פון דער וועלט אהן א צייט און דער נפש ווערט אבגעשניטען פון צרור החיים ווי ס'איז געזאגט אין דער תורה (ונכרתו הנפשות העושות) און דאס קינד וועלכעס דארף ארויסקומען ווערט געשאפען פון א נידערטרעכטיגען פערדארבענעם עלעמענט (יסוד) וואס ער קאן צייט זיין לעבען ניט גערייניגט ווערען, ער בלייבט א אייביגער פגום ער הייסט בן הנדה, און נישט ער אליין נאר אויך זיינע קינדער און קינדס קינדער, — דער וועלט-פראפעסאר האט אונז פעראָרדענט אז נאר*דורך טבילה אין א כשר'ע מקוה געהט אראב די טומאה נאכדעם אז די פרוי האט זיך געדינט די אונטערזוכונג (בדיקה זיבען טעג) נאך דעם פערהאלטען די פליוס.

דאַרום איז ריכטיג דער דין אַז אפילו אַ עלטערע פרוי ווען זי קומט נעמען אַ מאַן דאַרף אויך געהן פריהער טבילה, וויַיל פיליַיכט האָט זי זיך געשיידט פון מאַן ווען זי האָט געדאַרפט געהן טבילה.

מִקְוֶה וואַסער.

אָבער וואָס קאָן איך מיט דיר מאַכען אַז דו מיינסט דאָס דו פערשטעהסט אַז די וואַנע איז אויך אַזוי ווי אַ מקוה וואָרום ווער וויַיסט דאָס נישט אַז וואַסער רייניגט, טאָ וואָס איז דער אונטערשיעד פון אַ וואַנע צו אַ מקוה, וועל איך דיר וויַיזען אַז דאָס וואָס דו מיינסט דו פערשטעהסט פערשטעהסטו ערשט נישט.

איך וועל דיר דערצעהלען: איך בין געוועזען אין אַ באַד אין דובעלן, בין איך געשטאַנען קוואַרטיר צוזאַמען מיט איינעם אַ יונגען-מאַן וועלכען איך האָב פערשטאַנען אַז אין די זאַכען איז ער פעהליג. מען האָט אונז ביידען גלייך פעראָרדענט צו 30 ים-בעדער. אונטער דער צייט האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען מיר זאָלען מאַכען וואַנעס פון ים-וואַסער. — עס, זאָגט ער, איך וואָלט דאָס אויף אייך נישט געגלויבט איהר זאָלט זאָגען אַזאַ דומהייט, מהסתם אַז מען אָרדענט איין באָדען זיך אין ים ווירקט דאָס אַנדערש נישט סיידען באָדען זיך אין ים גופא אין די וואַסער וועלכע איז פון זיך זעלבסט איינגעזאַמעלט אָבער נישט ווען מען רייסט אָב די וואַסער פון איהר געבאָרענעם אָרט, איהר זעהט דאָך אַז די וואַסער-קור איז פערשיעדען, אַנדערע מאַכען זיך קאַלטע איינרייבונג אין געוועהנליך וואַסער אָדער שפריצען זיך מיט קאַלטע וואַסער, אַנדערע לעגט מען קאָמפּרעסען פון געוועהנליכע וואַסער, אַנדערע באָדען זיך צו הויזע, אַנדערע שיקט מען אין ים באָדען זיך, און אין ים גופא שיקט מען נישט אַלעמען אויף איין שטעלע, האָט דאָך דאָס אַ בעדייטונג אין קור לויט די קראַנקהייט אין אָרגאַניזם פון מענשען, און אַז מען האָט אונז איינגעאָרדענט באָדען זיך אין ים איז דוקא אין ים גופא.

אַזוי, זאָג איך, איהר האָט מורא צו שטעלען אויף זיך צו מאַכען וואַנעס פון ים-וואַסער חאָטש ס'איז די זעלבע וואַסער נאָר וויַיל זי איז פון איהר ערשטע קוועלע אָבגעריסען געוואָרען און איינגעזאַמעלט דורך אַן'אַנדער קראַפט, איהר האָט רעכט זאָג איך און אָהן אַ דאָקטאָר קאָן מען זיך דאָס טאַקי נישט ערלויבען — פערשטעהט איהר שוין אַז מען טאָר זיך ניט ערלויבען זאָגען אַז אַ וואַנע איז אויך אַ מקוה אומגעפרעגט ביי אַ גרעסערען פון מיר וועלכער וויַיסט און גלויבט.

אַלזאָ אויף דעם רמב"ם קאָן מען זיך געוויס פערלאָזען: אויסער זיין גרויסקייט אין תורה און אין פילאָזאָפיע וועלכעס זיין נאָמען איז פערבליבען פערהייליגט אין דער וועלט אויף עוויג ניט נאָר ביי אונז יודען אפילו ביי פרעמדע אויך, איז ער אויך געוועזען דער גרעסטער פראָפעסאָר אין זיין צייט, ער איז זאָגאַר אַ קייזערליכער דאָקטאָר געוועזען אין עגיפטען — זאָגט ער: אַז דער ענין פון טומאה איז נישט אַ שמוץ פון אויבען וועלכע וואָס מען קאָן דאָס אָבוואַשען מיט וואַסער און זייף נאָר דאָס איז אַ אונעהרליכער שמוץ ווי צום ביישפיעל אַ בייסונג און נאָר די כשר'ע מקוה נעמט דאָס אַראָב, עס מעג אפילו זיין נישט אַזוי פריש די וואַסער און אַפילו ווען פרויען

געהען בעזאַמען שאַדט אויך נישט (און אַזוי האָט אויך געשריבען אַ פּראָפעסאָר אין זיין ווערק די לעצטע צייט) אַזוי ווי די בלאָטע פון אויסלענדישע באַד וועלכע ווירקט אויף דעם ביסונג מעהר ווי אַלע ריינע וואַסערן פון טייך, עטוואָס קאָנען מיר דאָס פערשטעהן פון די נאַטור פון די נייע ערפינדונג, די „ראַדיום", וועלכע האָט אין זיך אַ אייגענעם קראַפט זי איז נישט אָבהענגיג פון דער זון פון דער לבנה און אַנדערע פּלאַנעטען זי וואַרפט פון זיך שטראַהלען, מען האָפט מיט איהר צו היילען פערשידענע קראַנקהייטען, זי לייכט דורך די וואַנד מען האָפט מיט איהר צו היילען דעם קרעבס (ראַק), און די ראַדיום האָט אַ פערבינדונג מיט'ן גאַנצען ערד-קוגעל, און וויבאַלד אַז די ערד פערמאָגט אַזעלכע אייגענשאַפטען קאָן מען גלויבען אַז אַזאַ איידעלע זאַך ווי דער גייסט וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען פריהער פאַר דער וועלט, ווען ער ווערט קראַנק קאָן ער אַנדערש נישט געריינינגט ווערען סיידען מיט די וואַסער וועלכע זי איז אויך פריהער פאַר אַלעס בעשאַפען, וועלכע זי איז באַהעפט צו דער ערד וועלכע פערמאָגט אַזעלכע אייגענשאַפטען, אָבער נישט ווען די וואַסער ווערט אָבגעריסען פון איהר געבאָרענעם אָרט.

איצט דו ווערסט פרעגען ווי ווערט דאָס די זעעלע קראַנק פרעג איך דיר ווי בעלעבט דאָס די זעעלע דעם קערפּער דו זעהסט דאָך אַז אַנדערש לעבט נישט דער קערפּער סיידען אַז די זעעלע פונקציאָנירט אין איהר, די זעלבע האַנד די זעלבע פוס ווען זי ווערט פּאַראַליזירט ווערט זי ווי אַ האָלץ און האָט קיין בעוועגונג, איז דאָך דאָ אַ זאַך וועלכע בעלעבט דעם קערפּער וואָרום וואָס דען עקזיסטירט אין מענשען אַז נישט דער גייסט וועלכע מיר רופען די זעעלע מיר טאַפּען דאָס אין יעדער סעקונדע אין זיך — אָט דער גייסט אַרבייט אין אַלע גלידער פון קערפּער און פילט איהם אָן מיט חכמה און גבורה, מדות און יושר. דער גייסט איז בעצויגען איבער דעם גאַנצען קערפּער פון האָר ביז נאָר, דאָרום טאָר זיך אין דער טבילה נישט אַרויסזעהן פון וואַסער אַ האָר; עס טאָר אויך פאַר דער טבילה נישט זיין צוזאַמענגעקלעבט צוויי האָר ווייל די האָר ציהען אויך זייערע חיות פון קערפּער וועלכער ציהט פון גייסט און יעדער האָר ציהט זיין יניקה פון אַ בעזונדער גריבעל, ווען צוויי האָר וואָלטען אַרויס פון איין גריבעל מוז דער מענש בלינד ווערען — אָט דער גייסט איז אויך דער וואָס אַרבייט אין מוח. דער גייסט האָט צו זאָגען אויסערליך אויך, ווי עס ווערט געבערענגט אין ספר מציאות הנפש פון החכם סלאָנימסקי. — ער זאָגט: אַז אַ מענש קאָן אין שלאָף אָבשיקען אַ חלום צו אַ צווייטען אַזוי ווי איינער זאָגט: איך מאַך דעם געשעפט נישט נאָר איך וועל דיר געבען אַ אַנדערען אויף מיין שטעלע. — מיר האָט דאָס אויך דערצעהלט הרב ר' יהודא טרויב מווילנאַ אַ געשיכטע פון זיין אַ פאַמיליע: אין ווילנאַ וואַר אַ קאַזיאָנער רב ר' ישראל גאָרדאָן — דער זעלבער האָט וועניג געהאַלטען פון חלומות, דערפאַר אַ ברודער זיינער מיט'ן נאָמען משה פלעגט זיך זעהר אָפט מיטיב חלום זיין. איין מאָל פון פריה-מאָרגען שטעהט זיין ברודער משה אין שוהל און איז זיך מיטיב חלום, געהט צו דער ברודער ר' ישראל און זאָגט איהם, דיר האָט זיך דאָס און דאָס געחלום'ט. אמת, זאָגט משה — זאָג מיר ברודער פון וואַנען ווייסטו? גאָר איינפאַך, וואַר זיין ענטפער, דער זעלבער חלום איז געקומען צו מיר האָב איך געענטפערט איך האַלט פון דעם נישט געה צו מיין ברודער משה'ן.

אַלזאָ אָט די זעעלע וואָס מיר רופען דאָס אויף יודיש נשמה, ווען עס ווייזט זיך ביי דער פרוי אַ שמוציגער פליוס פון די וועלכע ס'איז טמא, בעקומט דער גייסט (די נשמה) אַ בעצווינגענעם שמוץ אויף זיך און זי זעהט שוין אויס גאַנץ אַנדערש, און קאָן נישט אָבגערייניגט ווערען ביז דער קערפער איז זיך טובל אין אַ מקוה פון די געטליכע נאַטירליכע וואַסער וועלכע איז איינגעזאַמעלט פון זיך אין די אָבגעשטימטע מאָס פערציג סאה דאָס איז צוועלף איילען וואַסער, אָבער נישט די וואַסער אין אַ וואַנע אָדער נאָר אַ כלי מיט אָנגעגאָסענע וואַסער, נישט דורך די געטליכע נאַטור פון זיך *).

דאָס ערקלערט זיך נאָר׳ עטוואָס צו ווייזען אַ שכל נישט צו לאָזען כשר מאַכען דעם חזיר. זיי ווייסען גאַנץ גוט זייער פערברעך וואָס זיי טהוען, נאָר אום זיך גערעכט צו מאַכען זוכען זיי אַ היתר און אַ וואַנע הייסט ביי זיי אַ מקוה.

אין אמת איז די זאַך פון אונז פערשטעלט צו וויסען דעם ריכטיגען טעם פאַר וואָס דוקא אַ מקוה און נישט קיין וואַנע. מיר טאָרען גאָרנישט פרעגען פאַר וואָס — אָט אַזוי הייסט דער בעשעפער פון דער וועלט דער וואָס האָט אונז אַרויסגעצויגען פון מצרים און געגעבען אַ תורה, מיר דאַרפען און מיר מוזען איהם פאָלגען ווי עס איז געשריבען אין דער תורה נאָך דער ערקלערונג פון די חכמים; אַזוי איז די גאַנצע תורה און אַזוי אויך די מצוה פון מקוה מיט דעם גאַנצען צוגאַנג ווי די פרויען ווערט געריינגט.

מיין נישט חכם אַז דו ביסט דער ערשטער וואָס האָט געפונען אַ נייע ערפינדונג אַז אַ וואַנע איז אויך אַ מקוה, ווען דו וואָלסט גלויבען אין תנ"ך וואָלסטו זעהן אַז דאָס איז נישט דיין חכמה. אין תנ"ך איז בעשריבען ווי איינער אַ געוויסער „נעמן" אַ פעלדמאַרשאַל וואָר קרעציג, געוועהנליך האָט איהם נישט געפעהלט קיין מיטלען צו היילען זיך, עס האָט איהם אָבער נישט געהאָלפען קיין בעדער און קיין קוראַציעס, האָט ער געהערט אַז ס'איז דאָ ביי יודען אַ נביא מיט'ן נאָמען אלישע, וועלכער ווייזט גרויס וואונדער, איז ער געקומען צו איהם. לעגט איהם אלישע פאָר ער זאָל זיך טובל זיין אין ירדן וועט ער געזונד ווערען. ער האָט זיך אויסגעלאַכט. איך האָב, זאָגט ער, אין אונזער דמשק טייערע פלוסען אמנה און פרפר איז דען דער יודישער טייך „ירדן". בעסער פאַר אונזערע שעהנע קלאָרע וואַסער? וואָס איז געווען די ענדע? ער איז בעסער געוואָרען און האָט זיך טובל געווען אין ירדן ווי דער נביא האָט איהם געהייסען און איז גלייך טהור געוואָרען, זיין לייב איז געוואָרען צאַרט און קלאָר און ער איז געקומען מיט פאַראַד צו'ם נביא און געזאָגט פאַר'ן גאַנצען פובליקום: יעצט ווייס איך אַז די געטער פון אַלע נאַציאָנען איז נאָר נישט דער איינציגער גאָט איז דער יודישער גאָט, מעהר איז נישט דאָ.

ווען אַז נישט קיין יוד איז געהאָלפען געוואָרען דורך דעם וואָס דער נביא האָט געבאָטען, איז דאָך געוויס אַז עס ווירקט ווען עס איז פערזאָגט פון גאָט מפורש אין דער תורה — מקוה.

---

* (יכול אפילו מלא מים על כתפו ועשה מקוה יהא טהור ת"ל מעיין מה מעיין בידי שמים אף מקוה בידי שמים כו׳ והמקוה במ׳ סאה (תו"כ).

בערעכען מיט ווערמען דו געהסט מלחמה האלטען! ווען אונזערע חכמים בע שטעטיגען דורכאוים נישט אנדערש ווי א מקוה מיט אלע יודישע דינים, ווי קע מען זיין אזוי אונפערשעמט, אזוי נידערטרעכטיג און גראב, פראסט און ווילד, זיך ענטגעגען שטעלען געגען זיי, — בעת אז דו האסט קיין בעגריף ווער זיי זענען און האסט קיין קאפ צו פערשטעהן זייערע רייד!!!

בערעכען נאר: ווער האט דעם יוד אויסגעבילדעט, ווען נישט די תורה? ביי וואס פאר א נאציאן געפינסטו זאלכע פיינע זיטען, ווי דו געפינסט אין יוד? גיה זוך איבער דו וועסט געפינען א יוד זאל זיך בעטייליגען אין א בלוט־פערגיסונג? און אויב אין די לעצטע צייט האבען אונזער יוגענד יא א אנטייל גענומען אין מין רציחה, — איז דאס נאר ווייל זיי זענען אבגעטראטען פון דער תורה... און מיר וועלען נישט ערב זיין, אויב פיעל פון די יוגענד זענען נישט פון די וועלכע זייערע עלטער האבען שוין נישט געהיט די פאמיליען־ריינקייט און פון דעם איז דאס ארויסגעקומען זאלכע בלוט־שמוציגע קינדער...

און פון וואנען האט זיך גענומען די לעצטע צייט זעלבסטמארד און שמד? דאס איז גאר איינפאך: זיי זענען געבארען דורך גיפט — ווערען זיי פערלארען דורך גיפט, און דער שמד קומט דערפון ווי די חכמים ווייזען אויס אין דער גמרא דאס עבודה־זרה איז גלייך ווי נדה, ציהט זיי צום ערשטען שורש פון געבארע און זיי קענען נישט איינהאלטען זיך צווישען יודישען פאלק.

דער אורטייל.

אונזערע חכמי התלמוד זאגען: איבער דעם וואס די פרויען היטען נישט זייערע פליכטען, שטארבען זיי ביי'ם געבארען דאס קינד. און ווען דו וועסט פרעגען: 1) פאר וואס קומט זיי אזא שטראף? 2) פאר וואס זעהען מיר נישט דאס די רייד זאלען פערווירקליכט ווערען? פערקעהרט: מיר זעהען גראדע פרומע פרויען שטארבען אהן א צייט און די פרייע זענען געזונד און שטארק?

דריוף וועל איך דיר ענטווערן:

1) „מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא“ — ביי'ם קעניגרייך פון הימעל פיהרט מען זיך ווי ביי'ם מלכות אויף דר'ערד. ווען דער אגראנאם פון קייזערליכען גארטען זאל איבערפיהרען און פערדארבען דעם גארטען מיט שלעכטע פלאנצונג וועט איהם געוויס קומען טויט־שטראף; ווען איינער מאכט נאך קייזערליכע געלד קומט איהם קאטארגע און די פאבריק ווערט צופיהרט.

דאס יודישע פאלק הייסט דער געטליכער גארטען [כי כרם ה' צבאות בית ישראל]; יעדעם יודיש קינד הייסט די געטליכע פלאנצונג אין גארטען; דער הויפט־אגראנאם פון געטליכען גארטען איז — די פרוי, זי דארף ארויסגעבען די פרוכט, אז אלע זאלען אנערקענען דאס דאס איז א ערהאבענע שמעקעדיגע געטליכע פרוכט, מיט וואס? דורך איהר זויבערע כשר'ה פלאנצונג און ערציהונג; אבער אז זי היט נישט איהר ריינונגס־פליכט, פערשמוצט זי נאר דעם געטליכען גארטען מיט די פון איהר געבארענע קינדער.

דער מענש הייסט די געטליכע מטבע *) און די פרוי הייסט די פאבריק פון דעם, דארום קומט די וועלכע היט נישט די ריינינגונגס־פליכט — טאקי מיתה, דען זי ברענגט פאלשע געטליכע מטבעות אויף די וועלט, מוז מען איהר טויטען כדי די פאבריק פון די פאלשע מטבעות זאל צופיהרט ווערען און זי זאל נישט קענען מאכען מעהר קיין שמוציגע טריפה קינדער און אבנארען די וועלט מען זאל מיינען אז זיי זענען כשר'ה.

2) אויף דיין צווייטע פראגע: פארוואס זעהען מיר אפט דאס די פרומע פרויען שטארבען פאר דער צייט און די פרייע לעבען און זענען געזונד? איז די תשובה: אין די גמרא שטעהט נישט „על שאינן מקימות" ד. ה. די וועלכע האלט נישט פון ענין איהרע פליכטען, עס שטעהט נאר: „על שאינן זהירות" ד. ה. די וועלכע איז נישט פארזיכטיג, דאס מיינט מען די וועלכע האלט יא איהרע פליכטען נאר עס פאלט איהר צו לאסט און זי טהוט דאס נאר פון יוצא ווענען, איז זי טאקי נישט גענוג פארזיכטיג אבצוהיטען די זאך ווי נויטיג איז און היט נישט צו פרעגען א שאלה ווען עס קומט פאר א ציפעליגע זאך; אזא פרוי האט אויף זיך א בעזונדער אויפמערקזאמקייט (השגחה) געמשפט צו ווערען אויף איהרע אבגעלאזענקייט. אבער די פרוי וועלכע האלט אין גאנצען נישט פון ענין איהרע פליכטען, די הייסט אין גאנצען אומגעטהון פון יודישקייט, איז נישט געזאגט זי זאל געמשפט ווערען פונקט ביי'ם געבוירען דאס קינד, דען זי טהוט דען דעם איין פערברעך אין איהר לעבען? צו וואס זאל מען איהר בעשטראפען דוקא ביי'ם געבוירען דאס קינד? הרבה שלוחים למקום, דער אויבערשטער האט פיעל ערטער וואו אויף־צומאהנען זיין חוב. ווער זענען אם מעהרסטען־טייל די פערברעכערקעס ביי דעם ענין פון ריינינגונגס־פליכטען? — די פרויען פון אונזערע גבירים, זיי האבען וואנעס ביי זיך אין די וואהנונגען, זיי פאסט נישט צו געהן בייזאמען מיט די ארעמע פרויען אין דיזעלבע מקוה, זיי רופען זיך מעהרסטען־טיילס די געבילדעטע, דריבער האבען זיי אין זיך די ברייטקייט צו טרעטען אויף דעם וואס הייליג איז... נו, הייסט דאס „וישמן ישורון ויבעט", אז יודעלע האט דערפאקט א ביסעל געלד — בריקעט ער, זאגט דער אויבערשטער: נו, נאט אייך קרענק: מאגען־קאטאר, נירען־קראנקהייט, גאל־שטיינער (וועלכעס ענטוויקעלט זיך אין זעלבען ארט וואו דאס קינד אין בויך), פאהרט אין די בעדער און וואלגערט זיך אין די בלאטעס; די היימישע נאטירליכע וואסער פאר קליינע געלד האט איהר פערהאסט, געהט זוכט מיטלען צו פטר'ן דעם געזונד מיט דאס געלד בעזאמען.

און ווידער: צי דען האבען אונזערע חכמים געזאגט: „כל הנשים שאינן זהירות בנדה וכו' מתות בשעת לידתן", אלע פרויען וועלכע היטען נישט די פרויען־פליכטען — שטארבען זיי ביי'ם געבוירען דאס קינד? זיי זאגען נאר: נשים מתות, ד. ה. ס'טרעפט דאס פרויען שטארבען פון דעם.

די גמרא זאגט: די סנהדרין וועלכע האבען געטוידט א מענשען איין מאל אין זיעבציג יאהר האט מען זיי גערופען „מענשען־פרעסער". נו, ווילט איהר דער בעשעפער

---

*) אדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכולן דומין זל"ז אבל הקב"ה טובע כל אדם בחותמו של אדה"ר ואין אחד מהם דומה לחבירו (סנהדרין לז לח).

זאָל מאַכען אַ שחט=הויז ! עס איז נעגוג יועןָ עס טרעפט אפילו נאָר איין מאָל אין יאָהר, דאָס עס שטאַרבט אַ יונגע פרוי און לאָזט איבער עלענדע יתומים, די אַלטע מוטער קאָן מען פון איהר טויטע טאָכטער נישט אָבריַיסען, דער אַלטער זיידע פיהרט זיך מיט די אייניקלעך קדיש זאָגען, — איז דאָס נעגוג אַ לעהרע פיר די צוזעהער . . . אלא וואָס, ס׳איז אַ רחמנות אויף די קלײנע קינדערלעך, — דערויף הייסט גאָט : „אבי יתומים".

„הדלקת הנר" — ליכט=צינדען ערב־שבת ! מען מיינט אָבער נישט נאָר דעם אָנצינדען די ליכטלעך ס׳זאָל זײַן ליכטיג אין הויז און פטור, — די ליכט בעדײַט ס׳זאָל אַרײַן=לײַכטען טיעף אין די הערצער פון אונזערע קינדער די ליכטיגקײַט פון דער תורה און די אמונה, און אַזוי ווי די ליכט לײַכט דורך די פעטס און דעם קנויט מיט׳ן פײַער=קראַפט, אַזוי האָט דאָס קינד אויך אין זיך אַ קערפער מיט אַ נשמה (נר אלקים נשמת אדם), און דאָס ערשטע מוז די מוטער אין איהם אָנצינדען די ליכטיגקײַט דורך יודישע ערציהונג. דריבער צינדט זי די ליכט לכבוד שבת, ווײַל שבת איז דער יסוד דאָס גאָט האָט בעשאַפען די וועלט (יום־טוב צינדט מען אויך ווײַל יום־טוב הייסט אויך שבת), און דאַרום צינדט זי צוויי ליכט, איינע געגען „זכור את יום השבת לקדשו", ד. ה. עהרליך האַלטען דעם שבת מיט עסען און טרינקען לכבוד שבת, און דאָס צווייטע ליכטעל געגען „שמור את יום השבת לקדשו", ד. ה. היטען דעם שבת פון טהון אַ מלאכה. דאָס אַלעס איז פערפליכטעט די מוטער צו ערקלערען איהר קינד ; ווען דאָס קינד האָט זיך ביי איהר אין בויך געפאָרמירט, הייסט זי די מײַסטערין. לײַדער אָבער ווי זעהט אויס הײַנטיגע ערציהונג ? איז טאַקי ריכטיג דער פסק, דער אויבערשטער זאָגט : איך גיב דיר מעהר קיין אַרבײַט ! קיין עולה טהו איך דיר נישט : ווי אַזוי קומסטו אַהער ? ווײַל איך האָב דיך געשיקט, הײַנט ווען דו טהוסט נישט מײַן רצון, געה צוריק פון וואַנען דו ביסט געקומען . . .

און אַז מיר ווילען פערשטעהן די טיעף=זיניגע רייד, פון אונזערע חכמים, דאַרפען מיר נעהמען אַ בײַשפיעל פון איינענעם לעבען. וואָס טהוט מען די קעכין וועלכע איז נישט פאָרזיכטיג אין כשר׳ס אָדער אין זויבערקײַט ? געוויס שאַפט מען איהר אָב. יעצט וועלען מיר שוין פערשטעהן די רייד פון אונזערע חכמים : דאָס אָבשיידען חלה מיינט מען נישט נאָר דאָס אַרײַן=וואַרפען דאָס שטיקעל טייג אין אויווען אַרײַן, וועלכעס האָט דוכט זיך קײנע בעדײַטונג, דאָס איז אָבער גאַנץ אַנדערש : אַזוי ווי יודען דאַרפען זיך בעשעפטיגען מיט דער תורה, מען דאַרף דאָך אָבער אויך האָבען פון וואַנענט צום לעבען, קענען דאָך נישט אַלע יודען זיך בעשעפטיגען בלויז מיט לערנען, האָט דער אויבערשטער אויסערוועהלט איין שבט פון אַלע שבטים, — דעם שבט לוי, ד. ה. די כהנים און לויים, וועלכע זיי האָבען קיין חלק אין לאַנד, און זיי בעקומען תרומות און מעשרות פון תבואה, איין פיער=און=צוואַנציגסטעל פון טייג (אַ בעקער איין אַכט=און=פיערצסטעל) צום כהן ; נאָר אַזוי ווי הײַנט זענען מיר אַלע טמאי־מתים, טאָרען די כהנים קיין חלה נישט עסען, נאָר צום אַנדענקונג אַז דער בית־המקדש וועט געבויט ווערען און מיר וועלען ווערען גערייניגט מיט די אַש פון פרה־אדומה, וועט מען ווידער געבען די כהנים חלה, — נעהמט די ווירטהין אַ שטיק טייג און וואַרפט אַרײַן אין אויווען. שטעלט

אייך פאר ווי עס האט געשמעקט יודישקייט אין א יודיש הויז ווען די הויז=ווירטהין האט געבאקען חלה! דאס קינד זעהט ווי די מוטער ווארפט אריין א שטיקעל טייג אין אויווען. פרעגט דאס קינד ביי די מוטער: וואס איז דאס אזוינס? די מוטער שיקט דאס אב צום פאטער. דער פאטער ערקלערט איהם וואס דאס איז און דער=וויל ווייס דאס קינד עטוואס פון יודענטהום. וואס ווייס אבער א קינד היינטיגע צייט? דאנערשטאג ווייס ער וואס פיר א שטיק מען וועט שפיעלען פרייטאג=צונאכט אין טעאטער.

געוויס איז די מצוה דאס די יודישע פרוי זאל זעלבסט באקען חלה; אם=וועניג=סטענט ווען זי קויפט יודיש געבעקס עסט מען פון גענומענע חלה, ווי איז אבער אז ס'איז רעכט צו קויפען קריסטליך געבעקס? ווערט נאך=דעם רעכט דאס די קריסטליכע דיענסט זאל זאלצען פלייש און אז עס שפריצט ארונטער פליישיגס אונ=מער מילכיגס פרעגט מען נישט קיין שאלה. „עס וועט נישט שאדטען, ס'איז נישט קיין סם" — זאגט מען.

און אזוי ווי היינט איז ביי אונז אנשטאט די שטיצע פון כהנים — צו שטיצען תלמידי־חכמים, ישיבות און תלמוד־תורה'ס, זעלבסטפערשטענדליך, אין אזא הויז קענען משולחים פון ישיבות קיין איינטריט נישט האבען, קומט אויס, אז דאס קינד פון אזא שטוב, לא די וואס ער ווייס נישט ווי צו שעצען און צו ליעבען די תורה מיט איהרע געלעהרטע, — ער ווארפט נאך אויף זיי גאר א האס. נו! ווער האט איבערגעפיהרט די קינדער אז נישט די מוטער? זי הייסט די קעכין, טהוט מען איהר ווי זי וואלט געטהון איהר קעכין, מען טרייבט איהר ארויס — פון דער וועלט.

דארום ריהמען מאכן די חכמים אונזער מוטער שרה, ווייל זי איז געוועזען אבגעהיט אין די פרויען=פליכטען.

ז.

דער שכל מיט דעם כח הדבור וואס איז געגעבען נור דעם מענשען, דורך די ביידע כוחות געזעסטירט ער אין דער וועלט. — דער צונג איז די פעדער פון הארץ. ארויס צו געבען זיין אינערליכען פערלאנג. מיט די ביידע קראפטין דרייט ער זיינע רעדער איבער דער גרויסער וועלט. דער שכל קלעהרט אויס פלענער. מאשינען, די רעדער־קראפט גיט דאס איבער אונ דער שכל האט שאהן געפונען מיטלען די רעדע קראפט צו פארברייטערין ווייטער אויף טויזענדער מיילין, אונ טויזענדער שטעט. ווען אויך דער שכל שטארבט אב, דער כח הדבור גייט פערלארין, זיינע אויפטוהען פערבלייבט אין דער וועלט אויף עוויג. דער מיט איז דער מענש איין אויסנאהם פון אללע בּרואים.

דער כלל, אויף יעדער גליד, אויף יעדער אדער איז אן צו טאפען די גאטהייט, דארויף זאגט דוד המלך ע"ה. מיינע אלע ביינער שרייען אויס גאט! ווער איז גלייך צו דיר.

אליהו דוב הײלפּערין. 2=טע העפט.

הימעל רעוואָלוציע

אַ דיסקוסיע פון אַ פאָטער מיט זיין פאַמיליע
אים שבת ביים טיש, איבער די רעוואָלוציע.

דערביי ווערט ערקלערט די הימלישע געזעצען,
אריינצוברענגען א גייסט אין יודישען לעבען.

ארויסגעגעבען דורך דעם מחבר „חמדת ישראל“.

די ווייטערדיגע העפטען ערשיינען קירצליך.

ווארשא — 1923 — תרפ״ג

E. B. Halpern Warszawa, Ś-to Jerska 36/30.
PRINTED IN POLAND.

DRUK. G. PIMENT WARSZAWA, SIERAKOWSKA 4

א „אלגעמיינער סטרייק".

די הימעל רעוואלוציע שפילט זיך שוין פון טויזענדער יאהרען. נאך אין די צייט פון מבול איז שוין געווען א אנפאנג פון א הימעל רעוואלוציע, זיי זענען ארויס די ערשטע מיט דעם גאנג „קאמונע", ד"ה עס זאל זיין אלע גלייך. עס איז געווארען א בונד ניט צו ארבייטען, און צום לעבען האט מען גענימען ביי די בורזשואזיע, (ותמלא הארץ חמס) און מיט דער צייט האט זיך אויף געהויבען „א אלגעמיינער סטרייק", אלע האבען געסטרייקט פון גרויס ביז קליין, (כי השחית כל בשר דרכו).

דער באשעפער, דער וועלט פאבריקאנט, מיט איהם סטרייקט מען ניט, אלע פאבריקאנטען קאנען ניט סטרייקען מיט די ארבייטער, ווייל זיי דארפען פיעל און האבען ווייניג, דער באשעפער אבער, ער האט אלעס און דארף קיין זאך ניט, (לה' הארץ ומלואה).

נו! פראלעטאריאט זאגט ער, איהר ווילט ארבייטען ווי פריער, וועט די פאבריק געהן ווייטער, אויב ניט שטעל איך אב אין גאנצען מיין פאבריק (קץ כל בשר בא לפני) מיין פיהרען די פאבריק איז דאך נור פון אייער טובה וועגען, ווען ניט די פאבריק האט איר דאך ניט ווי א טאג איבער צו לעבן (עולם חסד יבנה) נור אז איר זייט נארין און מיינט אז איהר וועט לעבען אהן מיר אויך, נו! וועלען מיר זעהען. פון היינט זאג איך אן ווער עס שטייט ניט צו צום סטרייק דער וועט בלייבען ווייטער ארבייטער, איך וועל זיך אב שטעלען מיט א קליינעם פאבריקעל, וואס נוצט מיר דרייען די גרויסע רעדער, בעסער קלענער און מיט מעהר פרנסה, און כך הוה. עס האט זיך אב געשטעלט נח מיט זיינע קינדער מיט אקליין פאבריקעל, דער פאבריקעל האט זעהער בעגליקט. עס איז ארויס בעסערע און שענערע סחורה, עס איז ארויס אברהם מיט שרה'ן אונ אז גאט האט גענעבען די שטיקערע הצלחה, איז געווארען ווידער, א גרויסע פאבריק, דער אלטער פאבריק איז אונטער געגאנגען, און די וועלט האט געוווסט אז גאט שאפט און שאפט אב (ה' למבול ישב וישב ה' מלך לעולם). איך האב זיך גענימען צום זאגען א ביסעל זמירות, ווי עס איז געקומען צו (השומר שבת הבן עם הבת) האב איך זיי פערטייטשט און בין ארויס מיט א געוויין אויף'ן קול, וואו איז אונזערע קינדער? וואו איז אונזער שבת?, די ווייב האט מיר בעגלייט מיט א יאמערליכע שטימע.

נו? עס איז דאך שבת זאגט מיין אלטע, איך האב געבענשט, און בין אוועק פון טיש א ביסעל אנלעהנען זיך לכבוד שבת.

אזוי

א „באמבע אין הימעל".

ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים (נח).

אזוי ווי מיר האבען ערקלערט די הימעל רעוואלוציע פון דור המבול, האט זיך נאך דעם דור המבול געפיהרט שטיל און רוהיג, די רעוואלוציע האט זיך ווידער אויפגעהויבען מיט א נייעם מאכט, זיי האבען איינגעזעהן אז דער דור המבול האבען טאקע ניט גוט געפיהרט, מיט רציחה נעמט מען ניט קיין אידעע, א אידעע מוז פון זיך זעלבסט דורך רייסען, מען דארף אזוי לאנג אגיטירען, ביז די בורשואזיע זאלען אויך צו שטעהן צו דעם, אונ אויב די אלטע בורשואזיע וועלען ניט צו שטעהען, וועלען שפעטער די יונגע בורשואזיע צו שטעהען, האבען זיי אזוי לאנג אגיטירט, ביז אז אלע נאציאנען זענען צו געשטאנען, מען האט זיך פעראייניגט און עס איז בעשטימט געווארען קאמונע (ויאמרו איש אל רעהו. אומה לאומה, מצרים לכוש, כוש לפוט, ופוט לכנען, מה שביד זה יהא ביד זה. (מדרש רבה נ״ס).

מיר פארשטעהען אפילו, זאגען זיי, אז קאמונע מיט אמונה קאנען ניט זיין אין איין שכינה, — הייסט אז יעדער איינציגער דארף זיך פערזארגען זעהט ער ווי גאט שיקט איהם צו, אויב ער האט ניט, בעט ער עס זאל איהם צו געשיקט ווערען, אבער אז עס וועט זיין קאמונע דארף ער גאר גאט׳ס לאסקע ניט, (ווי א מאהל האט איינער געזאגט, וועסטו מיר געבען איז גוט, אויב ניט פאר איך אוועק צו מיין שוועסטער), וועט דאך דאס אונזער וועלט סאמאדערזאווע ניט שמעקען, נור ווער פרעגט אויף איהם, וועט ער זיין גוט, וועלען מיר זיין פרום, אויב ניט וועלען מיר איהם גארווארפען א באמבע, און אזוי ווי קיין באמבעס איז נאך ניט געווען, האבען זיי געוואלט מאכען טאפארנע ראבאטע (האק ארבייט), פשוט געהען אויפ׳ן הימעל מיט העק.

אמת ער האט אפילו געוויזען וואס ער קאן, מען קאן ניט לייקענען, ער האט געבראכט א מבול, מיר וועלען אבער ווייזען וואס מיר קאנען, מיר וועלען מאכען „באריקאדעס" העכער ווי דער מבול האט אויסגעפליצט, און מיר וועלען איהם דערלאנגען פון די באריקאדעס ביז אפילו עס וועט זיך גיסען בלוט אויף אונזערע קעפ אמרו נבנה מגדל ונעלה לרקיע ונכה אותו עד שיזוב מימיו (סנהדרין פ׳ החלק).

איהר זאלט ניט דיינקען אז זיי זענען געווען אזעלכע נארען צו גלויבען, אז דארטען אין הימעל זיצט א פליישיגער גאט און זיי וועלען איהם בלוטיגען, זיי האבען אויך געוואוסט אז גאט האט ניט קיין גוף, און קיין אויסזעה פון א גוף, גאט האט קיין בעזונדער ארט, ער איז פול אומעטום (אין לו גוף ואין לו דמות הגוף, לית אתר פנוי מיניה) נור זיי האבען געזאגט, אז אין דער זאך „קאמונע", וועלען זיי קעמפפען מיט איהם, זיי וועלען זיך ניט אונטער געבען בשום אופן, זיי וועלען זעלבסט שיטצין מיט זייערע באריקאדעס דעם טורעם, ווען אויך עס וועט זיך

אפילו

אפילו גיסען פון גאט „זייער" בלוט, אבער קאמונע מוז אויסגעפיהרט ווערען.

די באמבע הייסט א פראטעסט.

דער ממ"ה האט געזעצט א מיניסטארען=ראט איך בין אפילו סאמאדערזשעץ זאגט ער, דארף איך דאך ביי אייך ניט פרעגען קיין עצה'ס, איך מיין נור מיט דעם צו לערנען די וועלט, אז מען דארף זיך אפט מישב זיין מיט קלענערע, איהר ווייסט דאך וואהל אז איך לאך זיך אויס פון זיי, (יושב בשמים ישחק) די זאך וועט ניט אויסגעפיהרט ווערען בשום אופן, דער וויל מאכען זיי דאך אבער הרוב די וועלט, איז ביי מיר געבליבען זאלען זיי אב האלטען אין מיטען די ארבייט, (הבה נרדה ונבלה שם שפתם) און כך הוה.

עס איז געווארען צווישען זיי פערשידענע פארטיעס, זיי האבען זיך פאר קיין פאל ניט געקאנט פעראייניגען, ביז זיי האבען זיך גאר דעם טויט געמאכט איינע די אנדערע.

די וועלכע זענען געשטאנען אויבען האבען איין געזעהען, אז עס איז גאר בחנם זייער גאנצע ארבייט, ווען אויך זיי זאלען לעבען מתושלח'ס יאהרען און האבען קרח'ס געלד, וועלען זיי דאן האבע המן'ס מפלה.

די וועלכע שטעהען אבער נידעריג, האבען געמיינט אז די ארבייט גייט פארווערץ, און וועלען קומען צו זייער ציעל, אלזא האבען די פון דער הויך געשריען: חברים גיט ליים צו מאכען די שצעקוטורקע צו פארענדיגען די ארבייט, די וועלכע שטעהען אונטען האבען דערלאנגט ציגעל מען זאל טרייבען ווייטער די ארבייט. די אראטער געוואהנליך שרייען ברידער! שוועסטער! קעמפפט, גיט ציגעל, האבען זיי געגעבען ציגעל האט מען זיי פון אויבען צוריק מיט זייער ציגעל אין קאפ געגעבען.

די איבעריגע האט מען צו שיקט אויף וואוילנע פאסילענע אויף עוויג, זיי זאלען זיך קיין מאהל ניט פעראייניגען, און די וועלט האט געוואוסט, אז א בונד געגען דעם רעגירער ממ"ה ווערט ניט אויסגעפיהרט, (ויפץ ה' אותם משם על פני כל הארץ ויחדלו לבנות העיר).

דער

עקסצעסען.

דעם חולי מועד פסח די צייט פון די פראטעסט-עקסצעסען, זיץ איך מיר אין שטוב, פערשפארט און האלט דעם קאפ ארום גענומען מיט ביידע הענד, און טראכט מיר, דוכט זיך אז דאס איז שוין דער לעצטער קלאפ, משיח וועט שוין געוויס קומען, אזוינס האט נאך ניט געשעהן אין דער וועלט, איהר האט געהערט מען קומט איינעם מנחם אבל זיין שלאגט ער זיך גאר? באשר זיין פאטער איז געשטארבן אין אויסלאנד. און דעם'ס ברודער האט גענומען אַ אנטייל אין זיין טויט, דער שרייט ווידער וואס בין איך שולדיג פאר מיין ברודער. און צווייטענס דער ברודער מאכט דעם טויט דארטען זיינע אייגענע ברידער, מיט אונז האט אויך די זעלבע געשעהן אז מען האט פער'משפט דעם גלח אין רוסלאנד זענען מיר שולדיג? בכן אז טראצקי ושאנדושעט דארטען ער טוט אונז אויך אן די געהאקטע צרות די גייסטליכע, די שוהלען, די חדרים, מיר זענען ניט זיכער גלייך ווי זיי און מיר האבען צו קיינעם קיין טענה, דאס איז מן השמים.

גיב איך אבער אַ קלער צוריק וואו איז מיין יוד, מיר גלויבען דאך די חכמים, אין זייערע רייד איז ביי אונז הייליג, זיי זאגען (אין אדם נוקף אצבעו) אַ מענש שלאגט זיך ניט אב קיין פינגער (אלא א״כ נכרז עליו מלמעלה) סיידען עס איז אויף איהם אויבען אויסגערופען געווארען. און בעראבעוען, שלאגען צום טויט, גאר אונשולדיגע זאל דאס זיין פון זיך ניט פון הימעל? איז דאך אבער צ פראגע, גוט! עס איז בעשערט אזוי, אבער געפונט ניט דען דער בעשעפער מיט אַ אנדער אופן ניט אוים שטעלער, אט ווי די געשעהענישען, די תורה (עניה במקום זו ועשירה במקום אחר) איין ארט לערינט דעם צווייטען. עס איז דא נאך אַ גמרא (למה נקרא שמה סיני) פארוואס רופט זיך דער בארג סיני (שירדה שנאה לעולם) עס איז אראב אויף דעם בארג אַ שנאה אויף דער וועלט פון די אומות אויף יודען, דאס פערשטעה איך שוין גארניט, דוכט זיך, אז זיי האבען ניט וואס מקנא צו זיין אונזערע גליקען פון דער תורה. און אין דער תורה גופא דעם געשמאק פון גמרא און פוסקים האבען זיי דוכט מיר גאנץ ווייניג. און ווער האט זיי ניט געהייסען נעמען די תורה, מען האט דאך זיי פריער אנגעבאטען פאר אונז, (החזיר הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלהו):

צו פארשטעהן דעם מאמר וועלען מיר ברענגען אַ מעשה פון „ווילנער גאון" אַ אמת'ע מעשה, וועלכע האט געטראפען אין מעזעריץ.

דער גאון האט אגעריכט גלות איז ער געקומען אין מעזעריץ אויף שבת, ער איז אריין אין אַ הויז בעטען מען זאל איהם האלטען ביז איבער שבת, איז ארוים די בעל הבית'טע ר' אורח, גייט געזונדערהייט, ביי מיר איז ניט קיין הקדש, (אזוי רופט זיך אויף פראווינץ די ארימע גאסט הויז), ער האט זיך באלד ארוים געדוקט און אריין אין אַ צווייט הויז ביי אַ געוויסען קירזנער, רא האט מען איהם אנגענומען. ער האט בעשטעלט מען זאל איהם אבקאכען אין זיין טעפעל קארטאפלעם לכבוד שבת, ביי דעם גיט ער איהר קליין געלד און געהט אין מקוה, אזוי ווי ער איז אריין אין מקוה. איז געווארען אַ געוואלד, דער ווילנער

גאון

גאון איז דא, עס איז באַלד געוואָרען אַ רעש אין שטאָט, מען האָט געזעצט אסיפה ווי מען זאָל איהם זיין כבוד אָבגעבען, מען האָט איהם בעשטעלט אַ סטאַנציע ביים גביר, פון שטאָט, מען דערוואוסט זיך אַז ער זיצט ביי אַ קירזנער. זיי בעטען איהם אויף דער אָנגעברייטע סטאַנציע ער גייט אָבער ניט, דערוואוסט האָט מען זיך, פונקט אויף דעם שבת איז געווען אין מעזעריץ אַ ווילנער סוחר, דעם גאַנצען שבת, עס האָט געקאָכט, גאַנץ שטאָט האָבען זיך איבערגעקערט צו דעם קירזנער.

די שכנ׳טע האָט איהר שטאַרק מקנא געווען, און עס איז ביי זיי געוואָרען אַ שנאה, אין 15 יאָהר אַרום קומט אָן אַ בריף פון גאון, אַזוי ווי ער איז געווען מיט 15 יאָהר צוריק אין מעזעריץ, און געהאַלטען סטאַנציע ביי ר׳ ליב קירזנער, האָט ער געוויגט דאָס קינד, זי האָט געוויינט האָט ער איהר צוגעזוגען שאַ שאַ איך וועל דיר געבען אַ חתן האָט ער געשאַפט אַ חתן דאַרף מען האָבען 1000 גילדען נדן, אויב ר׳ ליב האָט ניט, בעט ער די שטאָט זאָל איהם אויסהעלפען ער זאָל ניט בלייבען קיין ליגנער, נאַטירליך די שטאָט האָט צוגעשיקט די 1000 גילדען ער האָט דאָס געשיקט דעם חתן מיט׳ן נאָמען ר׳ אייזיקעל ליכטענשטיין.

און עד היום ציהט זיך די פאַמיליע ליכטענשטיין מיט׳ן נאָמען אייזיק, דאָ האָט זיך די שנאה מעהר פערשטאַרקט צווישען די צוויי פרויען, ווען זיי פלעגען זיך צוזאַמען טרעפען פלעגט פראָסט אַרויס אַ געשלעג זי איז נאָך גערעכט?

יעצט וועלען מיר שוין ריכטיג פערשטעהן וואָס די שנאה איז צווישען אונז, און פאַר וואָס מיר ליידען פון זיי אויסשטעלער׳ס, אין דעם גאַנצען ענין פון קבלת התורה, זיי מיינען אַז מען קאָן זיין אַ יוד מיט גאָרנישט והא ראי׳ זיי זעהן יודען אָהן בערד, אָהן שבת, אָהן תורה, און רופט זיך מיט זייער נאָמען, און דאָך הייסט ער יוד, האָבען זיי דאָך אויך געקאָנט נעמען אַזאַ גרינגע תורה, רופען זיך יוזיק און שרייען אתה בחרתנו, און אַזוי יאָגען זיי זיך אַרום מיט אונז וואו זיי טרעפען און שפייען אונז אין פנים, ביילעס ווילוש, באָלשעוויק, ווייל זיי מיינען אַז דאָס איז אונזערען יודען, און אַז מיר טיילען זיך ניט אָב פון זיי, מיינען זיי אַז דער גאַנצער יודישער פאָלק זענען אָט די לייט, מעג זיי טאַקע די זאַך קרענקען צו שטאָלצירען מיט גאָר נישט, אַנטקעגען אַ וועלט, און אַזוי ווי דאָ האָט געשעהן דער פראָטעסט, אַז איהר מאַכט אַ פראָטעסט איז גאַנץ פיין מען דאַרף לעבען אין איין לאַנד ברויד שאַפט, בפרט נאָך ווען איהר האָט אַלע פרייהייט, ווי באַלד אַז איהר קאָנט אויך מאַכען פראָטעסטען, אַז גאַנץ וואַרשאָ האָט איהר געקאָנט אָב שטעלען דעם רויש און פערמאַכען אַלע געוועלבער, פאַר וואָס האָט איהר ניט געפרובט אַ מאָהל שבת מיט אַ פראָטעסט פערמאַכען אַ עקספעדיציע, אַ פרוכט געוועלבעל? איהר האָט קיין מאָהל ניט פראָטעסטירט געגען אייערע קינדערשע מעשה׳ס און דאָ האָבען מיר געקריגן בעצאָלט אויף אַ אָרט, מען האָט אונז געגעבען צו פערשטעהן ווי גרויס דער קראַפט פון יודען זעהן מיר קאָן מען דאָך אויפטאָן אין דער יודישער זייט אויך.

עקספּראָפּריאַציע.

אין דער שטאָדט ג—נא וואָהנט אַ בעריהמטער גביר, דער אייגענטימער פון דער בעוואוסטער פירמע „ש—קי". איך קען איהם גראָדע זעהר גוט. ער איז אַן אָנשטענדיגער מענש. געוועהנליך, פיהרט זיך זיין הויז גביר'יש, און ווען מען קלינגט אָן אַריינצוגעהן, קומען באַלד אַרויס צוויי לאַקייען און פרעגען: „וואָס ווינשען זיי?" געוועהנליך, איז דאָך צו אַ גביר אין אַלע צייטען שווער אַנצוקומען, בפרט נאָך אין די אָקטאָבער-טעג, און דאַצו נאָך זענען זיי עלטערע מענשען, ער מיט זיין פרוי; קיין קינדער ביי זיך האָבען זיי ניט, איז דאָך זעלבסט-פערשטענדליך, אַז פון אָווענד קאָן מען געווים ניט אָנקומען צו זיי.

הערט נאָר, וואָס קאָן אין אַ וועלט טרעפען:

ביי נאַכט. די גרויסע שטאָדט ג—נא שלאָפט. יעדער איינציגער ליעגט אין שרעק. מיט אַמאָל, אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, קלינגט מען ביי'ם גביר. דזין... דזין... געוועהנליך, דער אַלטער, די אַלטע, די מענשען אין הויז זענען אויסער זיך: ווער קאָן דאָס דאָ קלינגען אין מיטען נאַכט? קיין געסט פון דער פרעמד ערוואַרטען זיי ניט, קיין שטאָדטיגע לייט — געווים ניט. דער אַלטער פרעגט אָן דורכ'ן טעלעפאָן, פיליי‌כט האָט זיך אין פאַבריק אַ צופאַל געטראָפען? מען ענטפערט איהם אָבער, אַז עס איז אַלעס אין אָרדנונג. און דערווייל הערט מען ניט אויף צו קלינגען ביי דער טהיר: דזין... דזין... דזין... די אַלטע לויפט צו צום טעלעפאָן פרעגען, פיליי‌כט איז, חס ושלום, ביי די קינדער אַן אומגליק געשעהן. עס פערשטעהט זיך, אַז די קינדער זענען אויך איבעראַשט געוואָרען, נאָר וואָס קאָנען זיי העלפען?

דזין... דזין... דזין!..

— הכלל — זאָגט דער אַלטער — מען מוז דאָך אַראָבגעהן פרעגען, ווער קלינגט דאָ.

די לאַקייען געהען אָבער ניט, זייער רוהע איז פריהער פאַר אַלעס; ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען, היינט דיענען די בעלי-בתים ביי די מענשען. בקיצור, דער אַלטער האָט נעבעך געמוזט זיך מאַכען האַרץ און אַליין אַראָבגעהן.

— ווער קלינגט עס אַזוי ראַש צוויי אַזייגער ביינאַכט?! פרעגט דער אַלטער צוקומענדיג נאָהענט פון טהיר.

טרעפט, וואָס מען האָט איהם געענטפערט? איהר וועט בשום אופן ניט פאַלען אויף דעם. אויף אַזא המצאה קאָן נאָר פאַלען אַ משוגענער.

— איך בין אנ'אָרימאַן — האָט איינער זיך אָנגערופען פון הינטער דער טהיר, — איך בין מיט מיין פאַמיליע נאַקעט און הונגעריג, ווייזט אַרויס אייער פיינקייט און זייט מחיה מיר מיט מיין פאַמיליע.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער גביר וועט זיך נישט שטעלען מיט איהם קריעגען הינטערן טהיר. ענטפערט ער איהם נאָר צוויי ווערטער:

איך ווייס וועו צו געבען און וועמען צו געבען: מיין קאָנטאָר איז אָפען פאַר אַלעמען.

ווי פערשטעהט איהר, ווען דער גביר וואָלט געוואוסט, ווער עס קלינגט, וואָלט ער דען געגאַנגען פרעגען, ער וואָלט נאָר אַראָבגענומען דאָס גלעקעל און אויס. און ווען זיינע מענשען וואָלטען נישט געשטרייקט, וואָלט ער אויך גאָר נישט געווען געדאַרפט אַליין זיך מטריח זיין אויף זיינע עלטערע יאָהרען און אַרויסגעהן צוויי ביינאַכט פון שלאָף־צימער, צו וואָס ער איז ניט געוואוינט?

דער בעשעפער אָבער, דער וועלט־פאַבריקאַנט און אייגענטימער פון דער ערשטער וועלט־פירמע, — זיינע דיענער שטרייקען ניט. „שלח חושך ויחשיך ולא מרו את דבריו" — שטעהט אין תהלים, דאָס הייסט, ער האָט געשיקט די פינסטערניש, זי זאָל פינסטער מאַכען מעהר ווי געוועהנליך, און „זיי" האָבען ניט וויעדערגעשפעניגט זיינע רייד. איז דאָך אייגענטליך אַ פראַגע: דאָס וואָרט „חושך" (פינסטערניש) איז דאָך אַ לשון־יחיד, און „לא מרו" (זיי האָבען ניט וויעדערגעשפעניגט) איז דאָך אַ לשון־רבים, ווי מען רעדט וועגען מעהרערע!

נאָר ביי דער יעצטיגער צייט פערשטעהט מען דאָס גאַנץ ריכטיג. — היינט טאָר מען קיין איבעריגע אַרבייט אויף קיין אַרבייטער ניט אַרויפלעגען; היינט טאָר מען קיין מענשען ניט אָבשאַפען פון זיין פאָסטען, סיידען אַז מען האַפט איהם ביי אַ גנבה. אַלזאָ, ווען אַ היינטיגער שרה זאָל אַרויסגעבען אַ בעפעהל, אַז זיין בעדיענער „חושך" זאָל פינסטערן דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד, וואָלט זיך חושך גאַנץ געוויס אַוועקגעשטעלט מיט אַ טענה: היות ער איז מעהר ניט ווי אַ נאַכט־אַרבייטער, איז ער ביי טאָג ניט מחויב צו אַרבייטען, אַפילו איזוואָזשיקעס (פוהר־לייט) וועלכע פאָהרען ביי נאַכט, פאָהרען אויך ניט בייטאָג! די זון וויעדער, די לבנה און די שטערן וואָלטען זיך אויך אָבגעשטעלט: צי דען אַז דו פיהרסט אַ קאַמפף מיט פרעה'ן, דאַרפען מיר צוליעב דעם פערליערען אונזער פאָסטען? אָט דאָס איז דער געדאַנק: ער, דער אויבערשטער, האָט געשיקט חושך, האָט ער פינסטער געמאַכט, און אויך די זון מיט דער לבנה מיט די שטערען האָבען אויך אָבגעטראָטען פון פלאַץ, ווייל ביי איהם שטרייקט מען ניט.....

ער ווייס ווער עס קלינגט, ער קען זיינע מענשען. פון די עלטערע קלינגט קיינער ניט אַרויסצורופען איהם, ער זאָל בעווייזען מופתים, פאַר זיי איז געגוג די וועלט מיט איהר נאַטור; די יונגע וויעדער, וועלכע זיצען אין די ישיבות און די חברות „תפארת בחורים", פועלי צדק", צי דער, וואָס איז פעריאָגט אין זיין פרנסה און דאַנקט דעם בורא, אַז ער שיקט איהם צו אויף דעם טאָג זיין לעבענס־מיטעל, — זיי אַלע גלייבען איהם אויפ'ן וואָרט („דבר" צוה לאלף דור).

ווער דען קלינגט? ווער שפרינגט? — צוויי-פיסיגע בעק מיט צוויי-פיסיגע ציגען, וועלכע האבען פערשטאנד ווי קינדער אין די וויגען.....

וואס ווילט איהר, דער אויבערשטער זאל אייך בעווייזען מופתים ווי אין מצרים, און אפשר אלע טאג, און אפשר פאר יעדע פארטיע בעזונדער!

אוי, אז ער וועט ווייזען, וואס ער קען, וועט איהר דערזעהן דעם זיבענטען הימעל!

אין מצרים האבען אלע מיט איין קול איהם ארויסגערופען „גוי מקרב גוי" — דאס הייסט, אז די יודען זענען אויך געווען גלייך אין געצענדיענסט ווי די מצרים. נאר די מצרים האבען זיינע קינדער וועה געטהון, האט ער געשלאגען די מצרים מיט ווייערע געטער, וועלכע זיי האבען געמאכט פאר א ווערקצייג שלעכטס צו טהון די יודען, דארום האט מען געשלאגען דאס וואסער, וואס איז געווען ביי זיי א גאט, דאס גלייכען די ערד, ער האט אויך געשטראפט די לופט, ווייל אויך זי איז געווען א גאט, דאס הייסט, זיי האבען געהאלטען, אז יעדע קראפט איז זיך א גאט אין איהר פאך. אבער היינט האט דאס נאך די נאטור ניט פערדיענט, אז מען זאל זי שלאגען. צי דען צוליעב דעם, וואס א טייל פון די יונגע פרויען געהען אין וואסער ניט, איז דאס וואסער שולדיג? צי דען דאדורך, וואס איהר מאכט קיין ברכה ניט איבער די ערד-פרוכט, און וואשט זיך ניט און בענשט ניט, זאל מען די ערד שלאגען? צי דען אז אייערע גאטס-לעסטערנדע געשרייען שניידען אדורך די לופט, זאל מען די לופט שטראפען?! ער איז ניט באנקראט פון אייער „דאלוי", ער האט נאך גענוג אזעלכע, וואס שרייען „אהד". איהר ווילט אבער ניט פערשטעהן, איהר ווילט ניט גלויבען.

און וואס זאגט דער בורא עולם? — „איהר האט מיר אבגעזאגט פון א גאט, וועל איך אייך אבזאגען פון א פאלק" (המה קנאוני בלא אל (פי' באמרם אין אלקים) ואני אקניאם בלא עם). און דורך וועמען? דורך די זעלבע דיענער פון מצרים. נאר זיי וועלען קומען מיט אן אנדער פארם. דאן זענען זיי געקומען מיט הימעל-פאסט, די יעצטיגע אבער זענען ניט קראנק צו געהן צו-פוס (באסע-קאמאנדע) — אט האט איהר א מכה פון „דם"! דורך וועמען? דורך די „צפרדעים", די חוליגאנעס. דיר געפעלט דאך דער חוליגאן, זיין נאמען מאקס איז שענער ווי מרדכי, און העלענע, וועלכע נעהמט אראב די לייכטער פאר א מוציא חלה, איז שענער ווי לאה — ועסטו שוין ווייטער וויסען, ווי נאך איהם א נאמען צו געבען! דו, יודעלע, ווילסט דאך אסימילאציע, דיר געפעלט דאך דיין שונא מעהר ווי דו איהם, דו ווייזט דאך איהם א חניפה'לע, דו אמוזירסט זיך דאך מיט איהם, דיר געפעלען שטארק זיינע פערדרעהטע וואנסעס, עס ווילט זיך דיר זינגען ביי איהם „מה-יפית"....

דרך אמונה.

איפה היית ביסדי ארץ
הגד אם ידעת בינה וגו׳.
(איוב לח)

א.

די גאנצע בריאה, די וועלט מיט איהרע נאטור, יעדער בעשאפענעס לעבעדיגע אונ ניט לעבעדיגע, פארשטעהט מען נור דעם כח וועלכע מיר זעהען דאס זיי ארבייטין אין דער וועלט. אבער ווי אזוי עס ארבייט זיך יעדער זאך, דאס קאן מען בשום אופן ניט פארשטעהען.

מען פארשטעהט ניט דעם גאנג פון לעבען אונ טוידט פון אללע שפראצונגען, ווי אזוי דאס איז. וויפיל מען האט שאהן דערגאנגען די חכמה וואס אין דעם קערפער געפינט זיך, אונ צום גרונד די זאך דער גייט מען ניט בשום אופן.

די ארבייט פון מוח איז א בעהאלטענע חכמה. עס איז גאר ניטא קיין וועג ווי צו דער גיין. עס איז גאר ניט צו פארשטעהען וואס מיט איהם איז, ווי אזוי דאס פיהלט, ווי אזוי דאס זעהט, ווי אזוי דאס הערט? ווער שפילט דארט די ראלע ווער איז דער איך וואס וואהנט אין מוח? וואו ענטהאלט זיך דאס אללעס וואס דער מענש זעהט אונ הערט, אונ טראכט דורך אין זיין גאנצען לעבען.

פרעג די פהילאזאפין, די נאטור פארשער, אין דער צייט וואס פאלט ארויף דעם מענשען א געדאנק, וואס טוהט דאן דער מוח? וואס איז די ארבייט פון יעדער מין שטאף וואס געפינט זיך אין מוח? דער מארך, די אדערלעך, די נערווין, די רויגין קייקעלעך פון וועלכע די מארך בעשטעהט, וועלין זיי דיר ניט ווילינדיג ענטפערין מיר ווייסין ניט.

בעטראכט נור די קרעפטין פון מוח, וויא קינסטליך דאס ארבייט, וויא אזוי מען פארגעסט אזאך, אונ ווי אזוי מיט גרויס אנשטרענגונג דערמאנט מען זיך, ווער דערמאהנט דאס? ווער זאגט דאס איהם אוים?

פארשטעהע פון וואנען שעפט מען דאס אן נייע רעיונות. ווי אזוי פאלט צו א רעיון. וואס מען האט פון דעם קיין מאהל ניט געדיינקט. איינער איז זיך מסדר א דרוש, אונ אין מיטין דרוש פאלט איהם גאר איין גאנץ אנדערש צו שייצין דעם פסוק, וועלכעס ער האט דאס ניט גיזעהען אונ ניט גיהערט.

ב.

אז דו פארשטעהסט ניט ווי אזוי דער שפראצונג שטארבט אונ לעבט אב, אונ דוא זעהסט דאך אז עס איז אזוי, קאנסט דו שאהן גלויבען תחית המתים.

אז דו פארשטעהסט ניט די חכמה ווי אזוי עס ארבייט זיך ביי דיר אין מוח, וועלכע דו זעהסט יעדע רגע איהר ארבייט, קאנסט דו שאהן גלויבען אין א העכערע סארט חכמה וועלכע ווערט געשיקט אין מוח, דאס איז רוח הקדש, נבואה.

אז דוא קאנסט ניט פארשטעהען די וועלט וואס דו זעהסט מיט דיינע אויגין, קאנסט דו שאהן גלויבען אז עס איז דא נאך א וועלט וועלכע דו זעהסט ניט, אונ אזוי ווי אויף דער וועלט גייט ניט אלעס גלייך, אזוי ווערט דארט אויך געפיהרט, דאס ניט אלעמען איז גלייך, רשעים ווערין בעשטראפט, אונ צדיקים נעמען שכר.

אז מען קאן ניט פארשטעהען דעם גאנצען גאנג פון דער נאטור וועלכע מען זעהט מיט די אויגין, קאן מען שאהן גלויבען אללע נסים וואס איבער דער נאטור. ביי דעם בורא איז דאך פיל גלייך נאטור צו איבער נאטור.

אמונת התורה.

מה אנוש כי תזכרנו וגו׳ תמשילהו
במעשי ידיך כל שתה תחת רגליו.

א.

אונזער פאטער אברהם האט בעטראכט אללע בריאים אויף דער וועלט, האט ער געזעהען דאס די לעבעדיגע בריאים צוטהיילען זיך אין דריי אבטהיילונגען,

עס איז דא איין מין בריה נור פון איין געגענשטאנד, איין גייסטליכער קראפט, זעהער א אדעלע זאך, א ריינער שכל, דער מין ווערט ניט קליגער ניט פרימער, ניט בעססער, ניט ערגער, נור אימער אין איין שטאנד, דאס איז [מלאכים, שרפים, אופנים, חיות הקדש, משרתי עליון].

עס איז אויך ווידער דא א מין בריה וואס זי איז איין צוזאמען געשטעלטע פון פערשידענע יסודות, קערפערליך, אונ האבען ניט קיין גייסטליכען קראפט, דאס איז [בהמות, חיות, עופות, שרצים, דגים].

א דריטע בריה איז דא דער מענש, וועלכער מצד הגשמי, דאס הייסט פון

קערפערליכען זייט איז ער גלייך מיט אלע קערפערליכע ברואים, אויך א צו־זאמען־געשטעלטער פון פערשידענע יסודות.

דער מענש מיט די מיני ברואים זיינען גאר גלייך אין דער נאטור, וואס עס פאדערט צום קערפער. אונ א גייסטליכען פערשטאנד האט דער מענש גלייך מיט די מלאכים ער איז זעהער קלוג אונ גייסטליך, זיין אויג טראגט ווייט, דאס איז די נשמה. פון דעם אלעם האט אברהם פערשטאנען דאס די כונה פון דער בריאה איז, דאס דער מענש דארף ארבייטען מיט דעם נפש אין גייסטליכע זאכען „חכמה", אונ מיט דעם גוף דארף ער ארבייטין אין וועלטליכע זאכען. דער קערפער מוז אבער אימער נאך דעם שכל נאך גיין, דאס הייסט דער מענש מוז יעדער זאך טאהן מיט איין רעכענונג.

ב.

מיט וואס איז מען אבער זיכער אז דער שכל וועט ניט פאר פיהרען דעם קערפער אין דער שלעכטער זייט, ווי מען זעהט אפט מאהל דאס דער שכל פארקריכט, צב"ש דעם שכל טראגט אויס א פלאן צו גנבנ'ען אדער איין אנדער עולה טאהן, אונ דער קערפער מיט זיינע אברים פאלגען, די פיס גייען, די הענד נעמען. האט אברהם ווידער אויס גירעכינט ווי אין מענשין געפינט זיך די גאנצע געטליכע בריאה. אין איהם געפינט זיך די כוחות פון דער וועלט, ווי דער היילינער רמב"ם ערקלערט 1), אונ נאר איינפאך קאן מען פאר־גלייכען דעם מענש מיט דער וועלט, די אויג איז ווי די זונן. דער אויהער רוישט ווי די וואלען פון ים. דער לונג אין קערפער ווי דער אויר. די הארץ פלייצט מיט בלוט איבער דעם קערפער ווי די וואסערין איבעראל. די אשה שוואנגערט אונ געבארט א קינד, ווי די ערד האט אויך אין זיך איין בעשטימטע צייט ארויס צו געבין איהרע פרוכט.

אויך געפינט זיך אין מענשען דער נאטור פון אלע מיני ברואים, כשרה אונ טרפה, טהורים אונ טמאים, גוטע אונ שלעכטע. ווי מען זעהט באמת דאס עס איז דא פערשידענע נאטורען ביי מענשען, אונ אנדערע האבען גאר דעם נאטור פון די ווילדע טהיר, —דארום רופען אן די חכמים דעם מענש עולם קטן, קליינע וועלטיל. ווייל ער האט אין זיך די נאטור פון דעם עולם גדול, די גרויסע וועלט.

די בריאה דער מענש האט פאר זיך צוויי וועגין, ער קאן ארבייטין דורך גוטע מעשים אונ גליקליך מאכען די וועלט, אונ מיט זיינע שלעכטע מעשים קאן ער ווידער אומגליקליך מאכען די וועלט, דער לעבען אונ דער טוידט איז אין קראפט פון זיין צונג. וואו ער ווארפט זיין אויג מאכט ער א רושם

1) מ"נ פרק עב.

זיין הארץ ווייל אין זיך די גאנצע וועלט אריין גענומען, און דער מענש האט פאר זיך א פרייע וועלט וועלכעס אונטער זיין שוטץ וועלכע קיינער האלט איהם ניט צו, אלזא האט אברהם פערשטאנען דאס עם מוז זיין א תורה וואס זאל רעגירען איבער איהם, ער זאל זיין געצאמט אויף יעדער טריט, אויף יעדער בליק, וועלכע זיא זאל איהם אויס בילדען, ער זאלל ברעכין די נאטור פון די שלעכטע זיטין, ניט צו וועלין, ניט צו טאהן, די זאך וואס ניט רעכט איז,

ג.

אברהם האט ארום געטראכט די נאטור פון אלע ברואים מיט זייערע אינערליכע אברים, האט ער שאהן פערשטאנען וועלכעס כשר איז, און וועלכעס עם איז טריף, ער האט פערשטאנען די נאטור פון אלע מיני ברואים לעבעדיגע און ניט לעבעדיגע, ווי יעדער זאך וואקסט און עקזעסטירט נאך זיין מין נאך, האט ער פערשטאנען אלע מצות פון כלאים ביי פרוכט און בהמות, און שעטנז פון קליידער, דאס עם טאר קיין פארמישונג ניט זיין, און האט אויך דער פון פערשטאנען דעם איסור פון כשוף.

אברהם איז קלאהר געוועזן די נאטור פון מענש און די נאטור פון אללע ברואים, האט ער פערשטאנען וועלכעס דער מענש מאג און וועלכעס ניט, ווייל דער בורא האט אריין געגעבען אין דער נאטור, דאס די פליכטין וואס דער מענש דארף היטען מיט זיין פערשטאנד טוהט זיך די נאטור ביי די ברואים פון זיך, ווי די גמרא זאגט גזלה פארשטעהע איך פון מוראשקעס, עריות פון די טויב, צניעות פון די קאץ, און נאך פיל ווי די נאטור פארשער ערקלערין.

ער האט בעטראכט די חושים פון מענשען, ווי גיפערליך זיי זיינען אין דער שלעכטער זייט, האט ער פערשטאנען אז דער מענש מוז שטעלען שומרים ארום זיך, איהם צו היטין וואו ער גייט וואו ער שטעהט, און האט פארשטאנען די סגולה פון מצות ציצת, זיא קאן איהם היטין אין גאס. מזוזה היט איהם די אויף־פיהרונג פון הויז, אידיש. די תפלין קאן היטין די הארץ מיט די קאפף, וועלכע זיי ביידע האבין איין פערבינדונג צו פיהרען דעם מענשען.

אזוי האט ער ערקלערט די גאנצע תורה אללע תרי״ג מצות, דאס איז צוויי הונדערט אכט און פערציג מצות עשה וועלכע א איד איז מחויב צו טאהן און דריי הונדערט פינף און זעכציג לא תעשה וועלכע א איד איז מחויב צו היטין דאס ניט צו טאהן, דאס איז געגין די 248 גלידער וואס געפינט זיך אין מענש. און געגין די 365 טעג וואס עם געפינט זיך אין יאהר[1], וועלכע ער האט געפילט דאס דער פפליכט פון מענשען צו גאט, ליגט אויף אלע זיינע אברים, אין אללע צייט ניט אב צו טרעטין איין שריט פון דעם דרך התורה.

---

1) סוף מס׳ מכות

ד.

אז ער איז דערגאנגען די תורה אונ די נאטור פון דער וועלט, האט ער דאן פערשטאנען דאס דער תכלית פון אללע ברואים איז דער מענש. ווען אז ער ארבייט אין דער וועלט נאך דער תורה, דארום איז ער געבויט פון די ביידע געגענשטאנדע, פון די העכסטע בריה מלאך, ביז די נידעריגסטע בריה דער ווערעמיל, ער זאל זיך קענען קערין אין וואס פאר איין וועג ער וויל, ער זאלל איממער אין זיך האבען די מלחמה אונ מנצח זיין. דאן איז דער אמת'ער תכלית. אונ נאך זיין אויפפיהרונג אין דער תורה גייט נאך די נאטור פון דער וועלט, ווי עס שטייט אין דער תורה, וועסט דו היטין די תורה וועסט דו האבין ברכה. וועסט דו ניט היטין וועסט דו האבען קללה.

די תורה הייסט דער נפש פון דער וועלט. אזוי ווי דער קערפער לעבט ניט אהן דעם נפש, אזוי קאן די וועלט ניט עקזיסטירין אהן דער תורה, אונ אזוי ווי די וועלט בעשטעהט אין דעם, דאס אלעם מוז געארבייט ווערין, קיין פארטיגע ברויט אונ קלייד איז ניטא, מען מוז אקערין, פלאנצען, זייען, אונ זא ווייטער. די זריעה איז נור א קראפט, אונ דער פון קומט ארוים צווייגין, בלעטער, אונ פרוכט. אזוי איז די תרי"ג מצות נור גרונד כללים, אונ איבעריגם דארף יעדער איד הארעווען צו וועלען פארשטעהען די תורה, דאס הייסט לערנען גמרא אונ פוסקים, וועלכעס זיא הייסט תורה שבעל פה. א בעשיידונג אויף תורה שבכתב, דארום האט אברהם מקיים גיוועזן פון זיך אפילו אללע מצות דרבנן, ווען אייך אז פאר מתן תורה, איז מען ניט מחויב געוועזן צו היטין די תרי"ג מצות.

ה.

דארום האט גאט ניט געגעבין קיין פארטיגע וועלט, אונ קיין פארטיגע תורה אויס געשריבען ביז שולחן ערוך, בכדי דער מענש זאל הארעווען מיט ביידע כוחות, גוף אונ נשמה, אין דער וועלט אונ אין דער תורה [1], ווי מיר האבען גירעדט.

דער צענטראלנער ארט וואו מען זאל קאנען אויסהיטין די גאנצע תרי"ג מצות, האט דער בורא אויס ערוויילט ארץ ישראל מיט די הייליגע רעזידענט שטאט ירושלים מיט דעם בית המקדש, דארט איז נוהג אלע מצות וואס איז אב האנג אן די ערד. אויך טומאה אונ טהרה, קדשים אונ קרבנות. דארום אז אידין האבען ניט געהיט די תורה אונ מצות, איז דער בית המקדש חרוב געווארען, אונ ארץ ישראל האט זיי ארוים געווארפין, ווייל עס איז ניט געוועזן ריכטיג דער צו זאמען בונד פון די לאנד, מיט אידין, מיט דער תורה.

---

1) זהו שפי' רש"י אם בחקתי תלכו שתהיו עמלים בתורה.

תכ) וקשרתם לאות על ידך תכא) והיו לטוטפות בין עיניך. (ו—

די צווייא מצות עשה'ס איז, א) צו לייגען תפילין אויף די לינקע האנד 1).
ב) צו לייגן תפילין אויף דעם קאפ.

דעם של יד דארף מען לייגען העכער פון עליינבויגין אין דעם ארט וואו דיא פלייש איז הויך. מען דארף זיך היטין ניט צו לייגין צו נאהענד צום עליינבויגין.

דער גאנצער של יד דארף ליגין נור אויף דיא גראבע פלייש, אונ עס זאל זיין עטוואס אויס געבויגין בכדי עס זאל אויסקומען נעהנטער צום הארצין.

דער קשר פון של יד דארף זיך ניט אב רוקין פון מעברתא 2). אפילו בעת עס ליגט אין תפילין זעקיל.

דער ארט פון של ראש איז, דאס דער פאדערשטער בריג פון של ראש זאל זיך ענדיגין ניט נידעריגער פון דעם ארט וואס וואקסט האר איבער דעם שטערין.

דער קשר פון של ראש דארף ליגין הינטין אויף דעם ביין פון אקין העכער פון דיא גריביל

די תפילין דארף זיין עכט פיר קאנטיג אויבין אונ דער דעק אויף וואס דער בית זיצט ד"ה (מעברתא) אונ די תפירות דארף זיין אלס פיר קאנטיג.

דער של ראש דארף זיין פערנאנדער געשיידעט די פיער בתים.

אלע דינים ווי צו מאכין די תפילין אונ די רצועות אונ ווי צו שרייבין די פרשה'ס איז ידוע צו סופרים.

מען דארף אכטונג געבין עס זאל זיך ניט איבער קערין דיא רצועות אויף דער לינקער זייט.

ווען עס רייסט זיך איין די תפירות פון די תפילין אדער די רצועה, דארף מען פרעגין א שאלה.

אנדערע האבין א טעות אז עס רייסט זיך איין די רצועה נייען זיי צונויף אהן א סופר, איז דאס א עון פלילי, ווייל עס איז אין דעם דא דינים וועלכע עס ניט ידוע צו אלעמען, עס קאן גאר זיין חלילה מען זאל צונויף נייען מיט פאדים, קאן מען חלילה לייגין פסלה תפילין.

מען דארף אכטונג געבין אויף די תפילין אונ די רצועות אויב זיי זיינען ניט קאליע געווארין נאך דעם דין ווי זיי דארפין זיין. איבערהויבט דארף מען אכטונג געבין אויף די ווינקלען פון די בתים זיי זאלין זיין קאנטיג.

צוויי מאהל אין זיבען יאהר דארף מען איבער זעהן דיא פרשה'ס פון דיא תפילין, אפשר זיינען זיי קאליע געווארין.

דער

---

1) ידכה, יד כהה. 2) דאס איז דער דעק פון בית

דֶער שֶׁל רֹאשׁ דַארְף זַיין אָב גֶעדֶעקְט מֶען זָאל אִיהם קָאנֶען זֶעהן בְּעֵת מֶען גֵייט אִין אִיהם. דֶער שֶׁל יַד דַארְף זַיין צוּ גֶעדֶעקְט בְּעֵת מֶען גֵייט אִין אִיהם:

מֶען טָאר נִיט מַפְסִיק זַיין צְווִישֶׁן לֵייגֶען דֶעם שֶׁל יַד מִיט דֶעם שֶׁל רֹאשׁ אֲפִילוּ צוּ עֶנְטְפֶעְרֶען אָמֵן אוּנ יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא אוּנ קְדוּשָּׁה אוּנ בָּרְכוּ, נוּר צוּ הֶערֶען אוּנ מְכַוֵּן זַיין, אֲפִילוּ קַיין וואוּנְק טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט טָאן.

אוֹיבּ עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַ טָעוּת אוּנ מֶען אִיז יָא מַפְסִיק צְווִישֶׁן דַארְף מֶען אָנְטָאפֶּען דֶעם שֶׁל יַד אוּנ מַאכֶען נָאךְ אַ מָאל לְהָנִיחַ אוּנ צוּ קְוֶועצֶען נָאךְ אַ מָאל דֶעם קֶשֶׁר אוּנ דֶער נָאךְ מַאכֶען אוֹיף דֶעם שֶׁל רֹאשׁ עַל מִצְוַת.

דֶער לֵייגֶען דִיא תְּפִילִּין דַארְף זַיין אַזוֹיא. מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דֶעם שֶׁל יַד אוֹיף דֶעם אָרְט ווִי מִיר הָאבֶּען עֶרְקְלֶערְט, אוּנ פַאר דֶעם פַארְצִיהֶען דֶעם קֶשֶׁר מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה לְהָנִיחַ תְּפִילִּין אוּנ מֶען פַארְצִיהט בַּאלְד דֶעם קֶשֶׁר אוּנ מֶען ווִיקֶילְט אַרוּם דִי רְצוּעוֹת, אוּנ מֶען לֵייגְט בַּאלְד דֶעם שֶׁל רֹאשׁ אוּנ מֶען מַאכְט עַל מִצְוַת תְּפִילִּין פַאר דֶעם פַארְקְוֶועצֶען דִי רְצוּעוֹת אוֹיפֶן קָאפְּ, נָאךְ דֶעם ווִיא מֶען פַארְקְוֶועצְט מִיט דִיא רְצוּעָה זָאגְט מֶען בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד 1).

דֶער נָאךְ מַאכְט מֶען דִי כְּרִיכוֹת אוֹיף דֶעם מִיטֶעלְסְטֶען פִינְגֶער אוּנ דֶעם שִׁין אוֹיפֶן הַאנְד.

דִי צַייט פוּן לֵייגֶען תְּפִילִּין אִיז, ווִי מֶען דֶערְקֶענְט אַ מֶענְטְשֶׁין ווַייט פִיעֶר אַיילִין ווֶעלְכֶע מֶען אִיז מִיט אִיהם עֶטְווָאס בֶּעקַאנְט.

דִיא גְרוֹיסֶע הָאר ווָאס רוּפְט זִיךְ אַ צוּב, הֵייסְט עֶס אַ חֲצִיצָה בַּייא תְּפִילִּין 2).

בְּעֵת מֶען זָאגְט הִנְנִי מְכַוֵּן דַארְף מֶען הָאבֶּען אַ כַּוָּנָה יוֹצֵא צוּ זַיין דִיא מִצְוָה פוּן תְּפִילִּין ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין הִנְנִי מְכַוֵּן

אַיין גֶעלִינְקְטֶער דַארְף פְרֶעגֶען אוֹיף ווֶעלְכֶער הַאנְד צוּ לֵייגֶען תְּפִילִּין, ווַייל עֶס אִיז אִין דֶעם דָא פְּרָטִים.

דִיא בָּתִּים דַארְף זַיין שְׁווַארְץ, אָבֶּער דָאס ווָאס מֶען זוּכְט נָאךְ בָּתִּים מִיט אַ גְלַאנְץ אִיז דָאס אַ טָעוּת, עֶס קָאן נָאךְ אַ מָאל אוֹיסקוּמֶען צוּ אַ סָפֵק פוּן פָּסוּל אוֹיבּ דֶער גְלַאנְץ אִיז דִיק ווֶעלְכֶע מֶען קֶען אָבְשֵׁיילֶין, דַארוּם אִיז פִיל גְלַייכֶער שְׁווַארְצֶע אוּם גִינְגְלַאנְצְטֶע.

דִי רְצוּעוֹת דַארְף זַיין גֶעאַרְבֵּייט אוּנ גֶעשְׁווַארְצְט לִשְׁמָהּ. דִי רְצוּעוֹת דַארְף זַיין אִימֶער שְׁווַארְץ. אַז עֶס גֵייט אָב דֶער שְׁווַארְץ דַארְף מֶען אִיבֶּער שְׁווַארְצֶין.

דִי בְּרֵייט פוּן רְצוּעָה דַארְף זַיין נִיט ווֵיינִיגֶער ווִי דִי לֵייגְג פוּן אַ גֶערְשְׁט.

---

1) כדי שלא יהא בשכמל"ו הפסק בין ברכה להידוק. 2) מחצה"ש סימן כ"ז ועיין בפמ"ג.

דח) ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב וגו'. (ח—יט)

דיא מצות לא תעשה איז, מען טאר ניט בועל זיין א נדה.

אויב מען איז בועל א נדה ווערען ביידע מיט כרת בעשטראפט.

עס איז קיין אונטערשיעד אין דעם, אויב דיא אייגענע פרויא אדער א פרעמדע אפילו א פנויה, דאס הייסט וועלכע האט ניט קיין מאן.

א נדה הייסט כל זמן זיא איז זיך ניט טובל, ווען אפילו עס איז אוועק יאהרין לאנג אונ זעהט שאהן ניט מעהר קיין דם, אפילו זיא האט שאהן פארלארין איהר צייט, כל זמן זיא האט זיך ניט גיטובלת פון יענעם מאהל זעהען דם, הייסט זיא אללעס א נדה.

דא זיינען מיר מעתיק די נויטווענדיגע דינים פון נדה, פון ספר „נדחי ישראל" פון מחבר „חפץ חיים" מיט זיין דירעקטע רעדע צו דעם.

הנה ווי עס איז ידוע דאס בנות ישראל זיינען נשים צדקניות אונ זייא ווילין ניט זינדיגין, דאך ווערין א פולע נכשל אין דעם איסור פון נדה, אונ די סיבה איז ווייל זיי האבען ניט גילערינט דיא דינים דער פון, אונ אנדערע האבען ניט קיין עלטערין ווער עס זאל זיי לערנען, על כן איז די זאך ביא זיי גרינג. אונ באמת איז די זאך זעהער א הארבע, עס איז נוגע א מאהל אין עצם איסור פון כרת ר"ל, אונ דורך דעם קומט דער מענש צו כמה צרות ר"ל גם די קינדער ווערין גירעכינט אפט מאהל פאר בני נדות.

גם זאגט די הייליגע משנה, אז דאס איז גורם דאס די אשה שטארבט בעת זיא האט א קינד, ווייל זיא איז ניט גיוועזען געהיט אין איסור נדה, אונ אפילו די אשה וואס מען לאזט לעבען אונ זיא איז ניט געשטארבין בעת זיא געבארט דעם קינד, דארף זיא וויסין דאס זיא איז אן געברייט צו געבען דין וחשבון

---

1) א ב ה יט אין להם הפסק לכ"ע מן ט עד יח לדעת הרמב"ם יש להם הפסק ולא לב"א אה"ע טו והשאר לכ"ע יש להם הפסק.

וחשבון, און אויף יעדער מאהל וואס זיא האט זיך ניט געהיט ווי דער דין איז, וועט זיא דארפין ליידין ה"ו גרויסע יסורים לעוה"ב. ע"כ האבין מיר געדרוקט איינינע דינים וואס מען דארף זיי וויסין למעשה, און יעדער אשה דארף זיך נעמען צייט דורך צו לערנען דאס כדי זיא זאל זיך וויסין וויא צוא פירין, און דיא וואס קאנען ניט אליין פארשטעהען צו לייענען זאל זיא בעטין א אנדער אשה זיא זאל פאר איהר לייענען און געבען איהר צו פארשטעהען. — און דער עיקר איז זיא זאל זיך ניט מוגע זיין דער פון מחמת בושה, און זיא זאל זיך משער זיין ווען אז עס וואלט זיך מאכען א נייטיגע זאך וואס איז נוגע אין דיא גאנצע חיונה פון דער וועלט וואלט זיא זיך בוודאי ניט שעמען, כל שכן די זאך וואס איז איהר נוגע אין דיא וועלט און אין יענע וועלט, דארף זיא זיך אוודאי ניט שעמען.

און איטליכער איד איז מחויב צו זעהען, זיין פרויא זאל וויסין דיא אלע דינים. — און דער יושר איז, אז איידער בנות ישראל גייען לחופה זאלין איהר די עלטערין אדער קרובים, זאגין די נייטיגע דינים פון דיא הלכה, בזכות זה וועלין זיי גיבענשט ווערין פון דיא ברכות, יעדער מאנספערזאן דארף אויך זעהן וויסין דיא דינים פון נדה ווי דיא פרויענצימער.

א.

יעדער אשה איז זיך מחויב אב צו שיידין פון איהר מאן ווען עס קומט אוים איהר וסת, דאס מיינט מען ווען זיא איז געוואהנט צו זעהען (דם), אפילו אז זיא האט נאך ניט גיזעהען דארף זיא זיך אב שיידין פון מאן מיט איין צייט פריער, דהיינו אז זיא זעהט אלע מאהל ביים טאג מוז זיא זיין אב גישיידט פון מאן די נאכט פריער. — אויב זיא האט ניט קיין גיזעטצטע צייט מוז זיא פרעגין א שאלה ביי א מורה הוראה וויא זיא זאל זיך נוהג זיין מיט דעם אב שיידין.

ב

יעדער אשה וואס דארף פרעגין א שאלה טאר זיא ניט פרעגין ביי קיין אנדער אשה נור ביי א מורה הוראה, און למעה"ש קיין פרויא זאל זיך ניט ערלויבין צו פסקנן.

ג.

יעדער פרויא וואס זיא האט גישפירט דאס איהר לייב מוטער אדער געבירט האט זיך גיעפינט אדער זיא שפירט אז עס איז עפעס אב געגאנגען פון איהר מוז זיא זיך באלד גוט בודק זיין מיט א ריין טיכיל, און ווען זיא געפינט א נאסקייט און עס איז גאנץ קלאהר איז זיא טהור אבער ווען עס

איז

איז ניט גאנץ קלאהר, אדער אפילי זיא געפינט גאר ניט מוז זיא מאכען א שאלה. דאס גלייכען אז זיא האט זיך ניט באלד בודק געוועזן מוז זיא אויך מאכען א שאלה.

ד.

ווען זיא איז טמא סיי פון דם אדער פון א פלעק, מוז זיא זיין דער־וויטערט פון מאן ביז נאך דער טבילה.

זיי זאלען זיך ניט אן רירין איינער דעם אנדערין. ער טאר ניט שלאפין ביי איהר אויפין בעטיל ווען זיא איז אפילו ניטא, אונ בפרט אז זיא איז אויך דא, טארין זייא בודאי ניט זיין אין איין בעטיל, אפילו אז זייא זיינען ביידע אן געטאן. דיא עבירה איז דער פון זעהער גרוים. דאס איז דער פאר דא א שרעקליכער עונש, גם דארף מען זיך היטין אין דער צייט וואס זיא איז א נדה ניט דערלאנגען אדער ווארפין קיין שום זאך איינער דעם אנדערין, זייא זאלין זיין געהיט אז ער זאל ניט זעהען איהר פערבארגין לייב. זיי זאלין ניט לאכין צו זאמען אונ ניט עסען צו זאמען פון איין כלי, ער טאר ניט עסען אדער טרינקען פון דער כלי וואס זיא לאזט איבער, נור אויב מען האט איבער געגאסין אין איין אנדער כלי מאג ער שאהן עסען אדער טרינקען.

דיא אללע זאכען איז ניט קיין אונטערשיעד סיי די טאג־ וועלכע זיא זעהט דם. סייא די טעג וואס זיא ציילט שאהן די ריינע טעג, ביז זיא גייט טבילה איז זיא נאך א נדה געגין אלע זאכין.

למעה"ש ניט צו פערגרינגערין זיך אין די אלע זאכען, נור שטארק אב געהיט צו זיין אין די אלע דינים, ווארום דאס איז גרויסע עבירות זיי זאלין ח"ו זייערע יאהרין ניט פערזינדיגען.

ה.

דינים פון זאבצוגו, דאס איז דעם פערפערטיגין זיך אנהייבין
ציילין דיא ריינע טעג.

יעדער אשה וואס איז טמא געווארען פון דם אדער פון איין פלעק קאן זיא מאכען דעם אבצוג אין פינפטין טאג אויב עס האט שאהן אויף גיהערט פון איהר צו גיין דם, היינו אויב זיא איז טמא געווארין זונטאג, קאנן זיא מאכען דעם אבצוג דאנערשטיג למעה"ש ולמעה"ש גוט גיהיט צו זיין אז דער אבצוג זאל זיין ריכטיג כדין ווי ווייטער וועט שטיין.

ו.

דער אבצוג דארף זיין איידער דיא זונן גייט אונטער דאס איז איין ערך איין שעה פארנאכט אונ אויב עס איז גיוועזן ווייניגער וויא איין האלבע שעה פארנאכט דארף זיא פרעגין א שאלה.

אונ

דאס וואס עס שטייט אין ספר מעין טהור נאך ביז השמשות, איז דאס א גרייז פון דרוק.

ז.

דער אבצוג דארף זיין אזוי, זיא זאלל זיך גוט ארום וואשין דאס ארט אונ ארום דעם ארט, אונ אן טאן א קלאהר העמד אונ לייגין א קלאהר לייליך אונ נעמען א גאנץ ריין טיכיל פון לייגוואנד אדער פון באנוויל, ניט קיין נייע טיכיל, אונ ניט פון קיין צייגענע נור א אלט טיכיל אונ ארום קוקין אויב עס איז גוט ריין אונ ווייס, אונ מיט די טיכיל מאכען די בדיקה, היינו זיא זאל די טיכיל אריין ברייננען אין דעם ארט מיט דעם פינגער גאנץ טיף, אזויא וויט ווי זיא שפירט ווען זיא איז צו זאמען מיט דעם מאן. אונ זאל זיך גוט בודק זיין אין אללע זייטין אונ אלע ווינקלען. — אונ ווען עס איז איהר גאנץ שווער אריין צו ברייננען אזוי ווי דא שטייט, צום ווייניגסטין מוז זיא זעהען מיט אלע קרעפטין אריין צו ברייננען אזוי טיעף ווי עס איז נור מעגליך, אונ בודק זיין אין אלע זייטען אונ אלע ווינקלען, אונ דיא אשה וואס טוהט ניט אזוי, נור זיא ברייננגט אריין א ביסיל אונ ווישט זיך אב איז דער אבצוג גאר ניט גירעכינט אונ עס העלפט גאר ניט איהר טבילה אונ זיא איז ווייטער א נדה בחיוב כרת ר"ל.

ח.

עס איז גלייך זיך נוהג צו זיין, אז נאך דעם אבצוג זאלל זיא אריין ברייננען א ריין טיכיל גאנץ טיעף אונ איינג אונ עס זאלל דארט ליגין ביז נאכט אונ דער נאך זעהען אויב עס איז גאנץ ריין.

ט.

פון מארגין נאך דעם אבצוג זאל זיא אנהייבין ציילין דיא זיבין ריינע טעג, אונ זיא איז זיך מחויב בודק צו זיין צווייא מאל יעדען טאג, אין דער פריה אונ פאר נאכט אלע זיבין טאג, גאנץ טיעף מיט א ריין טיכיל.

נור ווען עס איז איהר אזוי שווער טיעף בודק צו זיין וויא עס דארף זיין, זאל זיא למעה"ש ווייניגסטין איין מאהל פון די זיבין ריינע טעג [איבער הויבט אין ערשטין טאג], מוז זיא מאכען א בדיקה אזוי ווי די בדיקה פון אב־צוג. אין די איבעריגע טעג געוועהנליכע בדיקות.

נור יעדע פרומע אשה זאל זיך ניט גרינג מאכען אונ זאל אלע טאג גוט בודק זיין, אבער ווען זיא האט קיין איין מאהל פון דיא זיבען טעג אויך ניט בודק גיוועזן גאנץ טיעף וויא עס גיהער צו זיין, נור א ביסיל אריין געבראכט דיא טיכיל אונ אב געווישט, איז איהרע זיבין ריינע טאג ניט גערעכענט.

אונ

און דיא טבילה איז קיין טבילה ניט, אונ זיא איז ווייטער א רעכטע נדה.

י.

אלע בדיקות דארף זיין פאר די ליכטיגקייט פון טאג ניט ביי קיין ליכט אונ ניט ביי קיין לאמפ.

יא.

די זיבען ריינע טעג דארף זיין דורך א נאנד, זיא זאל אין די טעג גאר ניט געפינען קיין דם אונ קיין שום פלעק.

ווען זיא האט געפונען דם אדער א פלעק אין מיטין די זיבין ריינע טעג וואס זיא איז טמא געווארין, מוז זיא אויף דאס נייע ציילין זיבין ריינע טעג און מאכען א נייעם אבצוג ריכטיג ווי אויבין איז געשטאנען נור זיא דארף ניט ווארטין פינף טעג אויף דעם אבצוג, נור ווען זיא ווערט ריין קאן זיא פארנאכט מאכען דעם אבצוג, אונ פון מארגען אנהייבין ציילין זיבען ריינע טעג.

יב.

א טהייל ווייבער וואס ווייסין ניט, אונ אז זייא דארפין מאכין דעם אבצוג זיינען זייא זיך ניט בודק פארנאכט נור זיי זאגין אז זיי האבען אין זינען אונ ביי נאכט מאכען זיי די בדיקה, זאלין זיי וויסין אז זייא זיינען רעכטע נדות, עס איז א מצוה דאס מפרסם צו זיין.

יג.

א כלה א פריילין אדער א ווייביל, פאר דער חתונה מוז ציילין זיבין ריינע טעג פאר דער טבילה, אונ דער אבצוג אונ דיא בדיקות פון דיא זיבען ריינע טעג איז גלייך וויא ביא נור א אשה, זיא טאר זיך חלילה ניט פארגרינגערין אויף קיין שום פאל דיא מינדעסטע האר.

יד.

זיא זאל ערשט אנהויבין ציילין די זיבין ריינע טעג נאהענד פון דיא חתונה, ווען זיא ווייסט שאהן קלאהר אונ זיכער ווען דיא חתונה וועט זיין.

טו.

אז אין מיטין ציילין דיא זיבין ריינע טעג האט זיך געמאכט א עיכוב דאס דיא חתונה וועט ניט קאנען זיין צו דעם אבגעשטימטען טאג, דארף מען פרעגין א שאלה אויב זיא דארף פון דאס נייע ציילין זיבען ריינע טעג. עס איז א גרויסע מצוה דאס בעקאנט צו מאכען וויפיל מענשען ווייסין ניט אז דערויף דארף מען פרעגין א שאלה, זיי מיינען אז זיא האט געציילט זיבין ריינע טעג איז שאהן גענוג.

נאך

נאך דעם ערשטין מאהל בועל זיין דיא כלה א בתולה דארף ער זיך פון איהר אב שיידין, ווייל זיא האט א דין פון א נדה. אונ דארף זיך נוהג זיין ווי עס איז ארום גירעדט די דינים וויא א נדה זאל זיך נוהג זיין.

טז.

דינים פון טבילה.

דעם טאג ווען זיא דארף גיין טבילה זאל זיא דעם גאנצין טאג קיין פלייש ניט עסען, נור אז זיא איז זיך טובל מוצאי שבת [שבת צו נאכט] מאג זיא שבת עסען פלייש, נור זיא זאל זיך גוט אויס מאכין צו ווישין די ציין. פאר דער טבילה, ווארום אז עס איז עפעס דא צווישין דיא ציין אדער אויף די ציין איז די טבילה קיין טבילה ניט.

אויך זאל זיא דעם גאנצען טאג ניט קנעטין קיין טייג אונ ניט אן רירין קיין קלעפיגע זאך, ווען זיא דארף טאהן לכבוד שבת מאג זיא טאהן נור זיא זאל זיך באלד דער נאך גוט אב וואשין.

יז.

זיא זאל גיין בעצייטינס פארנאכט אין מקוה כדי זיא זאל זיך קאנען באדין, צוואגין אלעס וואס מען דארף טאהן, אלעס פאר נאכט, אונ עס זאל דויערין אין דער נאכט אריין, אונ ווען עס איז איהר אבער ניט מעגליך אלעס צו טאהן פארנאכט, מאג זיא טאהן בייא נאכט, נור זיא זאל דאס ניט טאהן היילענדיג נור געלאסין.

למעה"ש דיא טוקערין זאל ניט יאגין אויף דיא ווייבער בייא דעם באדין כדי זיי זאלין קאנען טאהן אלעס כדין.

די טוקערין וועלכע יאגט אויף דיא ווייבער, פערזינדיגט זיא דיא יאהרין אונ זיא טאר ניט זיין קיין טוקערין.

יח.

זיא זאל זעהען זיך גוט ארום וואשין דעם גאנצין גוף אונ אללע פאר־ בארגענע ערטער ריין צו מאכען עס זאל אויף איהר גאר נישט קלעפין. אונ דיא האר גוט צו־קאמען אונ אויס צוואגין, אונ דאס אלעס מוז זיין מיט ווארעמע וואסער, אונ נאך דעם באדין זאל זיא זיך גוט ארום זעהען דעם גאנצין גוף אויב עס קלעפט ניט עפעס אויף דעם גוף, אונ אויב דער קערפער איהרער איז גאנץ ריין.

דיא ערטער וואס זיא קאן ניט דער זעהען מיטין אויג, זאל זיא ארום טאפין מיט דיא הענד אויב עס איז גאר ריין.

גם אז זיא גייט אראב אין מקוה אונ דיא פיס ווערין איין געטראטין

אין בלאטע, זאל זיא פאר דיא טבילה גוט אב וואשין אין מקוה דיא פים אונ צווישין די פינגער אונ בעקוקין אויב עס איז גאר ריין.

יט.

די טוקערין דארף שטארק אכטונג געבען בשעת טבילה אז עס זאל ניט ארוים שטעקין קיין שום חלק פון גאנצען גוף פון וואסער, אונ אויף דיא האר שטארק אכטונג צו געבען עס זאל ניט ארוים שטעקין אדער שווימען איבערין וואסער. ווארום אז עס האט ארוים גישטעקט פון וואסער אפילו איין בערג פון איין האר איז דיא טבילה גאר קיין טבילה ניט אונ זיא איז ווייטער א רעכטע נדה, ע"כ איז א מנהג טוב אז ווייבער זאלין ניט גיין אין גרויסע האר כדי זיא זאל ניט קומען צו קיין מכשול אין טבילה.

כ.

זיא זאל זיך ניט טובל זיין גאר אויף גישטעלט, אויך ניט שטארק איין געבויגין, דען עס איז דא ערטער אין גוף וואס ווערין פערבארגין דורך דעם אונ דיא וואסער קומט ניט אויף זיי, דאריבער זאל זיא זיך טובל זיין א ביסיל איין געבויגען, אזוי ווי זיא וועלגערט טייג.

דיא הענד זאל זיא ניט האלטען צו געמאכט, דיא פים זאל זיא ניט האלטען צו זאמען, ווארום אז זיא האט די הענד געהאלטין צו געמאכט אדער די פים געהאלטין צו זאמען, וועלכעס דיא וואסער קאן ניט אריין קומען, איז דיא טבילה ניט קיין טבילה.

דיא מויל דארף זיא ניט עפענען עס זאל אריין גיין וואסער אין מויל. אויך זאל זיא ניט שטארק צו מאכען דיא ליפפען, נור זיא זאל א ביסיל צו האלטין אזויא וויא עס איז גיוועהנליך. דאס גלייכין דיא אויגין זאלל זיא ניט שטארק עפענען אונ אויך שטארק ניט צו האלטין, נור א ביסיל צו געמאכט.

זיא מוז אויף־ריכטיג זיין אין אלעס וואס מיר שרייבען דא, ווארום אז זיא איז ניט געווארינט אין דעם אלעמען איז די טבילה ניט גירעכינט פאר קיין טבילה.

איבער דעם זאל זיא די טבילה ניט מאכען היילענדיג, נור מיט ישוב הדעת, זיא זאל אין זינען האבען אלעס וואס זיא דארף טאהן, אונ אלעס וואס זיא דארף געווארענט זיין.

כא.

אז דיא טבילה קומט אוים פרייטיג צו נאכט זאלל זיא גיין אין באד גאנץ פריה ביי טאג, אם וויינינגסטין א שעה פאר ליכט בענשען כדי זיא זאלל אלעס קאנען פארטיג מאכען פארנאכט.

דער וואס איז עובר אויף דעם איסור במזיד איז ער א רשע גמור, ער איז פסול לעדות ולשבועה.

גם כמה מאהל איז דער עון גורם אז די אשה זאל שטארבען בעת זיא געבארט א קינד. גם כמה מאהל איז דער עון גורם אז דיא קינדער זייערע שטארבין דער פאר, אונ אפילו אז ער זעהט די קינדער לעבין, זאל ער ניט זיין בטוח אזוי א תקיף ווארום ער ווייסט נאך ניט דעם סוף וואס עס וועט זיין, טאמער וועלין זייא נאך שטארבין ח"ו סוף די עלטערינס לעבין.

גם די קינדער וואס ווערין געבארען פון א אשה נדה זיינען געווים רשעים אונ מורדים אונ פושעים. ווי דיא גמרא זאגט אז אויף זייא זאגט דער פסוק [וברותי מכם המורדים והפושעים בי] דאס איז טייטש גאט זאגט לעתיד לבוא וועל איך אב קלייבין פון אייך די פושעים, אונ וויפיל וועט דער מענש האבין צער אויף עוויג אז ער האט געבראכט רשעים אויף דער וועלט, לא די וואס ער האט אליין גיטאהן אזוי פיל הארבע עבירות, וועט ער נאך האבין דאגות אונ צער, דיא רשעות פון דיא שלעכטע קינדער וואס ער האט געבראכט אויף דער וועלט.

עס איז ניטא אזוי א שטארקע טומאה אויף דער וועלט וויא דיא טומאה פון א נדה. אויך ציהט מען ארויף אויף זיך אונ אויף דיא קינדער וואס ווערין געבארין שלעכטע קריינק, וויא עס זאגט חכמת הרפואה, דאס קינד וואס ווערט דער פון געבארין ציהט מען אויף איהם ארויף אויף קינדס קינדער א עוויגע טומאה. ווארום זיין געבייא איז דאך גיוועזן דורך טומאה, אונ דאס שפרייט זיך אויף עוויג.

ע"כ דער איד וואס האט אין זיך א פונק פון אידעשקייט דארף ער לויפין פון דער עבירה, אונ איבער דער תאוה ניט וועלין אומגליקליך מאכין זיך מיט דיא קינדער מיט דיא וועלט בכלל, וויא מיר האבען גירעדט, ניט וואהנען מיט די פרוי אין איין שטאט וואס איז ניטא קיין כשרה מקוה, אונ האבען בטחון אויף השי"ת אז ער וועט איהם שפייזין אין אלע ערטער.

השי"ת זאל אונז ערלייכטין די אויגין, אונ עפענען די פארשטאפטע הערצער, צו דערקאנען דעם אמת, איין צו פליסען אין אונז אונ אין אונזערע קינדער, דעם ריכטיגען בונד צום בורא, אונ צו דער תורה, אונ אידין צווישין זיך, גאט ב"ה זאלל קאנען זאגען „ישראל אשר בך אתפאר". ביז עס וועט מקוים ווערין דער פסוק ומלאה הארץ דעה ויבא משיח צדקנו לארצנו. במהרה בימינו. אמן.

המוציא לאור.

מֶען טָאר נִיט מַאכֶען פוּן רְצוּעָה שֶׁל רֹאשׁ אַ רְצוּעָה שֶׁל יַד, אָבֶּער פוּן שֶׁל יַד אַ רְצוּעָה שֶׁל רֹאשׁ מָאג מֶען יַא מַאכִין.

אַז עֶס פַאלְט אַרָאבּ דֶער שֶׁל רֹאשׁ דַארְף מֶען פַאסְטִין, אַז עֶס גֶעפַאלְט שְׁוֶוער דֶער פַאסְטִין דַארְף מֶען גֶעבִּין צְדָקָה.

תְּפִלִּין דַארְף הָאבִּין אַ גוּף נָקִי, דַארוּם פַאר דֶעם לֵייגִין תְּפִלִּין דַארְף מֶען זִיךְ בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט נֵייטִיג צוּ מֶענְשְׁלִיכֶען גֶעבְּרוֹיךְ, אוּנ הִיטִין זִיךְ פוּן מִיאוּסֶה גֶעדַאנְקֶען, נִיט עֶסִין אִין זֵיי נִיט שְׁלָאפִין אִין זֵיי 1).

מִצְוַת תְּפִלִּין אִיז אַ מִצְוָה וֶועלְכֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז צוּ אִיהר גֶעגְלִיכֶען, דֶער וָואס לֵייגְט נִיט קַיין תְּפִלִּין הֵייסְט עֶר אַ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בְּגוּפוֹ, דֶער וָואס לֵייגְט פְּסֻלָה תְּפִלִּין אִיז אוֹיסֶער וָואס עֶר אִיז דִיא מִצְוָה נִיט מְקַיֵּים הָאט עֶר נָאךְ אוֹיף זִיךְ אַיין עוֹנֶשׁ פוּן בְּרָכָה לְבַטָּלָה יֶעדֶער מָאהל לֵייגִין, דַארוּם דַארְף יֶעדֶער יוּד אִין דֶער מִצְוָה זֶעהר פָארְזִיכְטִיג זַיין אִין אַלֶע פְּרָטִים, רֵאשִׁית דַארְף מֶען קוֹיפִין תְּפִלִּין בַּיי אַ סוֹפֵר מוּמְחֶה אוּנ אַ יְרֵא שָׁמַיִם, דִיא רְצוּעוֹת זָאל מֶען וִויסִין אַז עֶס אִיז גֵיאַרְבֵּייט לִשְׁמָהּ.

בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים קוּקְט גָאר דִיא וֶועלְט אוֹיף דֶעם נִיט מֶען קוֹיפְט נוּר אַ נָאמֶען תְּפִלִּין וֶועלְכֶע נָאךְ דֶעם פְּרֵייז אִיז צוּ פַארְשְׁטֶעהן אַז עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּ גְלוֹיבִּין אַז דִיא בָּתִּים אוּנ דִיא רְצוּעוֹת אוּנ דִיא פַּרְשָׁה'ס זָאלִין זַיין גֶעשְׁרִיבִּין אוּנ גֶעאַרְבֵּייט נָאךְ דֶעם דִין נָאךְ. עֶס וֶוערְט אַ זֶעלְכֶע תְּפִלִּין גֶעמַאכְט וִויא אַלֶע פֶערְשִׁידֶענֶע אַרְבֵּייט וֶועלְכֶע אַ פַאבְּרִיק מַאכְט. אוֹי לְאוֹתוֹ בּוּשָׁה, אַ בֶּגֶד פַאר זִיךְ צוּ פַאר דִיא הוֹיז פַאמִילְיֶע זוּכְט מֶען וָואס שֶׁענֶער וָואס בֶּעסֶער וֶועלְכֶע וָואס אַלֶע יָאהר דַארְף מֶען הָאבִּין אַיין אַנְדֶער בֶּגֶד, אוּנ תְּפִלִּין אִיז גֶענוּג אַיין פָּאר אוֹיף יָאהְרִין לַאנְג, הַארְט דָאס גָאר נִיט.

דֶער שִׁיעוּר פוּן תְּפִלִּין אִיז וִויא דִיא בְּרֵייט פוּן צְוֵויא פִינְגֶער אוֹיף צְוֵויי פִינְגֶער דִיא מַעְבַּרְתָּא עֶטְוָואס גְרֶעסֶער מַאכְט אוֹיךְ נִיט אוֹיס, אָבֶּער דִיא וָואס טְרָאגִין גָאר גְרוֹיסֶע תְּפִלִּין, דִיא דֵיינְקֶען דַאמִיט צוּ זַיין אַ מְהַדֵּר בְּמִצְוֹת, לֹא דַי וָואס דָאס אִיז נִיט קַיין הִידּוּר מִצְוָה, גִיכֶער פַארְשְׁפִּילִין זֵייא אִין גַאנְצִין דִי מִצְוָה, וָוארוּם עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ דִיא תְּפִלִּין זָאלִין לִיגִין אוֹיף אַיין אָרְט, הֵייסְט דָאס נִיט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִלִּין, אוּנ דָאס רוּפְט זִיךְ קַרְקַפְתָּא דְּלָא מַנַּח תְּפִלִּין 2), אוּנ מֶען גֵייט חָלִילָה אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶעם כְּלַל פוּן פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בְּגוּפָן, וִויא עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין סֵפֶר (חבש פאר) פוּן הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק מִבּוּיסְק. דַארוּם דַארְף יֶעדֶער פַארְהִיטִין דִי מְנִיעוֹת וָואס דוּרְךְ דֶעם לִיגְט נִיט דִי תְּפִלִּין אוֹיף אַיין אָרְט.

א) נִיט טְרָאגִין קַיין צוּ גְרוֹיסֶע תְּפִלִּין. ב) נִיט טְרָאגִין קַיין גְרוֹיסֶע הָאר. ג) נָאךְ דֶעם אָבְּשֶׁערִין זִיךְ צוּ רֶעכְט מַאכִין דֶעם קֶשֶׁר. ד) אָפְט מָאל וֶוערְט

---

1) ויזהר שלא יפיח חלילה בתפילין. 2) דיא קאפ וואס לייגט קיין תפילין.

גרעסער ווייל דיא רצועה ציהט זיך אויס, דאס גלייכין ווינטער ווייל מען גיים שווער אנגעקליידעט געפאלט שווער דער ארויפרוקין דעם ארביל פון בגד, און מען פוילט זיך אויסטאהן דעם ארביל פון בגד, לייגט מען דעם של יד נור וואו, ליגט ער נידעריגער וויא אויף דיא גראבע פלייש, הייסט דאס ניט געלייגט קיין תפילין און מען מאכט נאך א ברכה לבטלה. דאס גלייכען איז שווער צו לייגין אויף אזא ארט אגרויסין של יד.

אז מען איז אונטערוועגנס זאל מען מיט נעמען תפילין, ווייל עס איז געוויינליך שווער עס זאל פאסין דיא מאס פון געליענע תפילין.

דער רבינו יונה זאגט ווען אז א יוד איז מחויב צו העלפען דעם צווייטען אין א טובה וואס איז נוגע אין קערפערליכע זאכען איז דאך געוויס אז ער איז איהם מחויב צו העלפען אין דער זאך וואס איז נוגע צום נפש, לבן וויא מיר האבען דא ערקלערט קאן א יוד און אפילו גאר א פרומער יוד, ניט ווילענדיג נכשל ווערין און בלייבען ניט געלייגט קיין תפילין, דארום איז א חוב קדוש אויף יעדער יוד ער זאל זיך אויסלערנען מאכען א קשר של ראש בכדי אז עס וועט איהם פארקומען זאל ער קאנען פאריכטין זיך אדער דעם צווייטען, ווייל אן דעם קשר ווענדט זיך דער ליגין דער של ראש ריכטיג.

דער ווילנער גאון זאגט, דארום איז צו טיילט דער של ראש אין פיער בתים, יעדער פרשה ליגט אין איין בעזונדער בית, און דער של יד ליגט אלע פרשה'ס אין איין בית, זאגט ער אזוי: אין מענטשין איז דא פינף חושים (שפירונג) א) „חוש הראיה" זעהען, ב) „חוש השמיעה" הערין, ג) „חוש הריח" שמעקען, ד) „חוש הטעם". דאס איז דיא פיער עפענונגען וואס גייט ארויס דיא נערווין פון מוח צו דיא אויגען, צו דיא אויהערין, צום נאז, צום גומען 1).

דער פינפטער חוש הייסט „חוש המישוש" טאפין, זיין קוועלע איז אין הארצען און פון הארץ פארשפרייט זיך אויף דיא פיער ערטער, און ווייל דיא תפילין ווייזט דאך משעבד צו זיין דיא חושים צו השי"ת, דהיינו דער חוש הראיה, ניט קוקין וואו מען טאר ניט, דער חוש השמיעה ניט הערין וואס מען טאר ניט, און דאס גלייכען אלע חושים, דארום איז דער של ראש פיער בתים אזוי וויא די פיער חושים גייען אריין אין מוח דורך בעזונדערע עפענונגען, און אין של יד איין בית אזוי וויא דער חוש המישוש גייט אריין אין הארצען דורך איין עפענונג.

דארום קאן מען זאגען בינדט מען דיא האנט ארום מיט זיבען כריכות, איז דאס געגין זיבען נעמען פון יצר הרע פון זיינע זיבין מדות רעות, בינדט מען זיך ארום צו ווייזין מען זאל בינדין דיא בייזע תאות וועלכע דער מענש ציהט זיך נאך דעם פון דער יוגענד—וואס שטערט דעם מענטש פון גוטעם חסרון

אמונה

אמונה און בטחון. דארום וויקלענדיג טראכט מען פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון, צו וויסן אז דער מענטש לעבט און ווערט געשפייזט נור פון רצון הבורא, אפילו דיא טובה וואס מען בעקומט פון א מענטשין איז דאס אויך רצון הבורא וואס דער בורא האט אין יענעם אריין געגעבען דעם רצון ער זאל טאהן דיא טובה, ממילא איז דאך שוין אומזאנסט דער נאך יאגען זיך נאך שלעכטעס אז עס ווענד זיך נור אין רצון הבורא.

תכד) וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך (ו—ט)

דיא מצות עשה איז, אנצושלאגען א מזוזה אויף דעם אוסאק פון הייזער און טויערן.

אין דיא מזוזה איז געשריבען דיא צוויא פרשה'ס שמע און והיה אם שמוע.

דיא מזוזה לייגט מען צו זאמען און מען לייגט איהר אריין אין א שיידיל אויף דעם ארט פון שם שדי וואס איז אנגעשריבן אויף דעם צווייטען זייט דארף מען ארויף לייגן א גלעזיל, און מען שלאגט אן דיא מזוזה פון אויבין און פון אונטען מען דארף פארזיכטיג זיין ניט אריין שלאגין חלילה אין דיא ווערטער. אנדערע לייגען איין דיא מזוזה אין א פאפירענעם שיידיל, איז ניט זייער גלייך, ווארום דער פאפיר ציהט אן נעץ ווערט פון דעם נאנץ לייכט פסול די מזוזה. דארום איז פיל גלייכער אין א בלעכענער אדער אין א הילצערנער שיידיל.

דער רעכט איז אז דיא מזוזה זאל זיין הארט צום אוסאק צו געלייגט 1) דאס הייסט צווישין די מזוזה מיט דעם אוסאק זאל גאר ניט ליגין, דארום זאל דער שיידיל זיין אפין צום זייט פון אוסאק.

פאר דעם אנשלאגין דיא מזוזה מאכט מען א ברכה בא"י אמ"ה אקב"ו לקבוע מזוזה.

דער אנשלאגין דיא מזוזה דארף זיין אין אויבערשטין דריטיל פון אוסאק נור אבגערוקט פון אויבערשטין אוסאק א טפח (פויסט).

אויב מען שלאגט אן די מזוזה אין אויבערשטין טפח דארף מען איבער שלאגין נידעריגער אבער אהן א ברכה, אויב מען האט אנגעשלאגין דיא מזוזה אין דיא אונטערשטע צוויי דריטיל דארף מען איהר איבער שלאגין העכער און מיט א ברכה 2).

מען קאן דיא מזוזה אריין לאזין אין אוסאק אויך, אבער ניט טיעף נור פון אויבין און מאכען א קאנט וואו דיא מזוזה ליגט.

דיא מזוזה דארף מען אנשלאגין אויף דעם אוסאק אין רעכטין זייט פון

1) רעק"א, וכן נהג הגאון רי"ד מבריסק. 2) הח"א פוסק בלא ברכה והקש"ע תמה עליו.

אריין נאנג, אויב מען שלאגט איהר אן אין דער לינקער זייט דארף מען איבער שלאגין אונ מאכען א ברכה.

דיא מזוזה דארף מען אנשלאגין עטוואס קרימלעך צום אינוויינינגסטען זייט. אויב דער אוסאק איז א שמאלער קאן מען שטעלין די מזוזה שטייענדיג.

א הויז פון פיעל צימערין דארף יעדער צימער האבין איין בעזונדערע מזוזה, אפילו אז דיא צימערין האבין ניט קיין טירין.

אין דיא זעלבע הויז וויפיעל מזוזות מען שלאגט אן איז מען יוצא מיט איין ברכה.

אויף גאנקעס דארף מען פרעגין א שאלה וועגין א מזוזה אנשלאגין.

טויערין אונ טירלעך פון הויף זיינען חייב אין מזוזה.

טויערין אונ דערביי איז דא א קליינע טיריל צום אריין גאנג 1) דארף מען אנשלאגין א מזוזה מיט א ברכה.

שטאלין פון האלץ, שפייכלערס, קראמען, קליטין, זיינען חייב אין מזוזה.

אנדערש איז מען ניט חייב אין מזוזה סיידין אז די שטייענדע אוסאקעס האלטין צו צעהן טפחים, אונ איבער זייא איז דא אריבער געליינטער אוסאק.

ווען דער אויבערשטער אוסאק איז קיילעכדיג, אדער דיא וואנט דינט פאר א אוסאק דארף מען פרעגין א שאלה וויא צו טאהן.

עס איז דא אין מצות מזוזה פיל חלוקי דינים 2), דארום ווער עס איז ניט בקי אין דיא דינים פון מזוזה זאל ער פרעגין א למדן פאר דעם אנשלאגען דיא מזוזה, ווייל עס איז דא פיעל ערטער וואס איז גאר פטור פון מזוזה אדער זיא איז אפילו חייב אין מזוזה אבער קיין ברכה דארף מען ניט מאכען ביים דעם אנשלאגין.

דער חוב פון מזוזה איז אויף דעם וואס וואהנט דארט.

פאר דעם ארויס גאנג פון א דירה וועלכע נאך איהם ציהט אריין א יוד, טאר מען ניט אראב נעמען דיא מזוזות, נור דער וואס ציהט אריין דארף אב צאהלין פאר דיא מזוזות.

דיא גמרא ברייננט, איינער האט אראב גענומען דיא מזוזות פאר זיין ארויסגאנג, איז ביי איהם דיא פרויא אונ צוויא קינדער געשטארבין.

צוויא מאהל אין זיבען יאהר מוז מען איבער זעהן דיא מזוזות.

דיא גמרא (ירושלמי פאה) דערציילט, איינער א גביר מיט זיין נאמען ארטבן האט געשיקט צו רבין (דאס איז ר' יהודה הנשיא וואס האט מסדר גיוועין דעם משניות) א טייערין בריליאנט א מתנה האט איהם רבי אב געשיקט א מזוזה, פרעגט איהם ארטבן

---

1) והוא שיש ביניהם עמוד רחב טפח.

2) מיר שטעלין נור דיא גיוויינליכע דינים אין דיא געוויינליכע צימערין, עס איז אבער ניט אלע צימערין אונ טויערין אונ אוסאקעס גלייך, דארום אויף ניט איין געוויסע זאך דארף מען פרעגין א שאלה.

ארטבן איך האב אייך געשיקט אזוי א טייערע מתנה אונ איהר שיקט מיר אב א מזוזה וועלכעס מען בעקומט דאס גאר פארקלייניגע קליין געלד. ענטפערט איהם רבי מיין פערמאג אונ דיין פערמאג זיינען ניט אין שטאנד אב צו צאלין די ווירדע פון מזוזה, ווייל אונזער רייכטהום מוזין מיר היטין אונ די מזוזה היט אונז 1). דער ארטבן איז ניט געוועזן צו פרידין מיט רבים ענטפער [ווי געוויינליך די וואס האלטין זיך פארקלוג צו די געלד מאכט זיי קלוג אדער זייא האלטין זיך געבילדעט ווילין ניט גלייבין אז היטין די מצות, תהילים אדער צדקה אונ אנדערע סגולות פון די חכמים זאלין קענען העלפין קערפערליך]. האט איהם רבי געוואלט זיין מתנה אב שיקין צוריק. מיט א צייט איז זיין איינציגע טאכטער שלאף געווארען צום שטארבען (שאלתות פ' עקב) האט ער זיך מתודה געוועזן אז ער ווערט געשטראפט ווייל ער האט גרינג געהאלטין מצות מזוזה. אזוי ווי צב"ש די היינטיגע פרייע גבירים וואס אלע פיינקייט אפילו וועלכע מען טאר ניט פוצט מען די הייזער, מען שטעלט אוים אין די קארידארין, אויף די אויוינס פיגורין פון מענטשין וועלכע דאס איז א איסור פון געצענדינסט, אונ די טייערע מזוזה מיט איהר היילינע ערקלערונג וואס דאס איז דער יודישער הערב דאס ברויכט מען ניט. אוי זאגט ארטבן וויא ריכטיג איז די רייד פון רבינו הקדוש אז די מזוזה היט פון אלע אונגליקין וויא די גמרא זאגט (בעון מזוזה בנים מתים כשהם קטנים), ער האט אנגעשלאגין די מזוזה, די טאכטער איז געזונד געווארין אונ ער האט גענומען אויף זיך צו זיין א בודק מזוזות. (יומא יא).

ביי א טהייל מענטשין איז איין גירעדט אז די מזוזה איז נור צו פארהיטין פון מזיקין דאס איז א טעות, דער עיקר איז מזוזה א מצוה וועלכער יעדער יוד איז מחויב צו האבען אנגעשלאגין, אונ פון מזיקין היט דאס אויך 2), עס איז פיל צו ריידין וועגין דעם געדאנק פון מזוזה, נור איין ערקלערונג וועלין מיר ברייגגען וועלכער איז זעהר נייטיג.

אויף דעם אנדערין זייט פון מזוזה איז אן געשריבין דער שם שדי וואס איז נור דער שם אנגעשריבין? דער שם איז א ראשי תבות (שאמר לעולמו די) ד"ה ווען דער בורא האט בעשאפין די וועלט האט ער דאך גיקענט בעשאפען וועלטין גאר אהן א ברעג דאך האט ער פרייטיג פארנאכט פארענדיגט אונ האט געזאגט די גענוג, די וועלט זאל א גרענעץ האבען, דער מענש הייסט א עולם קטן א קליין וועלטיל ווי מיר האבין ערקלערט אין עדות לישראל, זאל זיך דער מענש אויך אזוי פירין, ווען זיינע כוחות הייבין זיך אן צו שפרייטין זיין אויג נוארפט ווייט, זיין הארץ גלוסט נאך אונ נאך, נאך געלד, נאך גישעפטין, נאך
היזער

1) בשכבך תשמור עליך. 2) אין דעם בעריהמטען ספר „מעשה אלפס" איז דא פיינע ערקלערונג אין דעם ענין פון מזוזה אונ דעם געדאנק פון מזיקין, מיר זיינען גאר ניט אין שטאנד איהם דאנקבאר צו זיין פאר זיין טהייערין ווערק צו די יעצטיגע צייט.

הייער, נאך פערגעניגען עס טרייבט איהם, עס יאגט איהם, ער האט ניט קיין טאג ניט קיין נאכט ביז עס נעמט צו פון איהם זיין קראפט אונ פערשטאנד אונ פארגעסט גאר אין גאנציין אונ דיינקט אז די וועלט איז א עוויגע, זאל ער זיך אין מיטין אב האלטין אונ דערלאנגען א געשרייא די! גענוג! — פארדינגען א רוביל דארף מען, אבער איבעריגס צו פיל אונ בפרט וועלכע ניט כשר איז דארף ער אן שרייען אויף דעם געלד, גאנץ גענוג! האלט! יעדער זאך מוז א גרענעץ האבען.

יעדער מענש דארף היטין זיין גישעפט דער וואס היט קיין גישעפט איז ער קיין מענטש, עס איז אבער אויף אלעם א צייט, מען דארף זיך אויך היטין דיא אב גישטעלטע צייטין פון דאוונען פון לערנען פון א יודישין ספר האלטין אדער אריין ציהען דעם גישעפט אין פרייטיג אדער ערב יום טוב שפעט.

ווען אויך עס קאן איהם פארקומען דיא גרעסטע לייזונג זאל ער אין מיטען אב האלטען אונ געבען א געשרייא די גענוג! עס איז שבת, עס איז יום טוב.

דיא מענטשין וועלכע האבען א נאטור צו פארברייגען אין פערגעניגען, מיט א צייט, מיט א מאס, נאך דעם דין נאך שאדעט קיין זאך ניט, ווען ער זעהט אבער עס ציהט איהם אריין איבער דיא צייט איבער דיא מאס, זאל ער זיך אב האלטען אונ זאגען די.

דארום איז אויף דעם אנדערין זייט אנגעשריבין דער שם שדי, דער מענטש זאל זיך דערמאנען אלע צייט ווען ער גייט אריין אונ ווען ער גייט ארויס פון הויז דעם געדאנק וויא מיר האבין ערקלערט.

אלזא איז דיא מזוזה א ריכטיגע וואך ביי דיא טיר, ער זאל ארויס גיין אין גאס מיט דעם געדאנק צו זיין עהרליך אונ ווען ער קומט אריין פון גאס זאל ער ניט אריין ציהען אין הויז דעם שלעכטין ווינד פון גאס דורך דיא שלעכטע מענטשין.

דיא גמרא אין יומא דערציילט, אונקלס הגר דאס איז וואס מיר האבען פון איהם דעם היילגין תרגום אונקלס, ער וואר א פלימעניק פון רוימעשין קעניג האט דיא מוטער געשיקט צו איהם וויכטיגע מענטשין איהם איבערצוריידין ער זאל זיך צוריק קערין, אויב ניט זאלין זיי איהם ארעסטירין, קורץ אין גאנצען ער האט זייא איבער גערעדט, האט זיא זיך מיישב גיוועזן אונ געשיקט א שר מיט אנשי חיל אונ פערזאגט זייא זאלין מיט איהם ניט האלטין קיין דיספוטין אונ איהם אריין זעצין אין א קארעטע אונ ברייגגען. דער שר האט אזוי גיטאן. קומענדיג צום טיר לייגט אונקלס ארויף זיין האנד אויף דיא מזוזה אונ זאגט ה׳ ישמר צאתי ובואי וכו׳, ווייל ער איז שוין גיוועזן א פאלגער יוד. דער שר איז געבליבען שטיין פערוואונדערט וואס בעדייט דאס? — אויב זייא פערלאנגען זאגט אונקלס בין איך גרייט זייא צו ערקלערין. פון גרוים התפעלות ווי אונקלס

האט

האט איהם ערקלערט האט ער פארגעסין זיין בעפעל אונ האט איהם אונקלוס'ן געלאזין צו רוהע, ווייל ער האט פערשטאנען וויא גירעכט אונקלוס איז.

נאך דיא אלע ערקלערונג איז צו פארשטעהן וויא וויט מען דארף פארזיכטיג זיין אין מצות מזוזה, דען דאס איז איין שטענדיגע מצוה, ווען מען גייט אריין אונ מען גייט ארויס דער מאנט מען זיך אן דעם געדאנק וואס אין דער מזוזה איז געשריבען אז עס איז דא א בורא יחיד, אונ מען דארף איהם ליעבען מיט דעם גאנצין הארץ אונ מיט די גאנצע זעלע אונ מיט דעם גאנצין פארמעגין, וועט מען שוין ניט וועלין זיין פעריאגט נאך דיא הבלי הזמן אונ מען וועט גיין אין דיא ריכטיגע וועג, האנדלען עהרליך, פיהרין די הויז יודיש, וויא דיא גמרא זאגט, דער וואס טראגט תפילין אויף זיין קאפ, ציצית אין בגד, א מזוזה אין טיהר, איז ער מוחזק אז ער וועט ניט זינדיגען, דען זייא דערמאנען איהם, זיי היטען מלאכים וואס זיינען דעם מענשין מציל פון א חטא, אויף דעם זאגט דוד המלך חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם עס רוהט א מלאך ארום דעם פרומען אונ ראטירט איהם.

נאך די ערקלערונג ווי גרויס עס איז דיא מצות מזוזה, דארף מען נאך זוכין די מזוזה זאל זיין מיט מעהר הידור גישריבין, וויא שעמט מען זיך ניט אן צו זעהען וויא אויף דיא הויז זוכט מען נאך יעדער זאך וואס שענער אונ וואס בעסער אונ מען זאלעוועט ניט קיין געלד קיין מיהע, אונ א מזוזה וויל מען פטר'ן נור ווי, עס זאל נור ביליג קאסטין, וואס נאך דעם פרייז איז גאר ניט צו גלויבין אז דיא מזוזה איז כשר געשריבין ווי דער דין איז. אלזא דער וואס וויל מקיים זיין ריכטיג דיא גרויסע מצוה מזוזה זאל קויפין א מזוזה בייא זיך אין זיין שטאט בייא א סופר א עהרליכען אונ ניט שטיין אויף דיא עטליכע קאפיקעס וואס דארף קאסטין טייערער.

תכה) לא תנסו את ה' אלהיכם. (ו—יז)

דיא מצות לא תעשה איז, ניט צו פרובירין דעם אמת'ן נביא צו פיעל, נור ווען ער איז ביי אונז פארעכינט פיר איין פרומען מאן אונ האט שוין צווייא דרייא מאהל געזאגט נביאות אונ עס איז געוועזן ריכטיג, איז ער שוין בעגלויבט פיר א נביא אמת אונ זאגט ניט קיין אייגענע, אלזא ווען מען פרובירט איהם איז פיעל גלייך וויא געפרובט גאט, דען ער איז דאך מוחזק פיר א שליח פון בורא.

אין דעם כלל פון דער מצוה איז, א מענש זאל ניט זאגען, איך וועל טאהן מצות אונ פרובירען זעהען אויב מיר וועט גוט זיין. אויסער בייא דיא מצוה פון מעשר מיט צדקה קאן מען יא פרובירען, וויא דער נביא זאגט אין גאטס נאמען, פרובירט מיר זאגט גאט אויב איך וועל אייך ניט עפענען

דיא

דִּיא הִימְלֶען אוּנ וֶועל אַייךְ מִיט אַזוֹיא פִיל גוּטֶעס בַּאלָאדִין בִּיז אִיהר וֶועט זֶעלְבְּסְט זָאגֶען אִיהר הָאט גֶענוּג 1).

תכו) הַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם אֹתָם. (ז—ב)

דִּיא מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, דָאס דִּיא זִיבִּין פֶעלְקֶער, כְּנַעֲנִי, חִתִּי, אֱמוֹרִי, פְּרִיזִי, חִוִי, יְבוּסִי, גִרְגָשִׁי, צוּ פֶערְנִיכְטֶען. ווייל זַייא זַיינֶען דִּיא עֶרְשְׁטֶע אַנְפִּירֶער פוּן גֶעצֶענְדִינֶסְט.

אֵייגֶענְטְלִיךְ אִיז אַ פְרַאגֶע, וְויא אַזוֹיא הֵייסְט דָאס דִּיא תּוֹרָה פַארְנִיכְטֶען זִיבֶּען נַאצְיָאנֶען? אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע גְמָרָא עֶרְקְלֶערְט אָבֶּער דִּי מִצְוָה זֵייעֶר רִיכְטִיג. מִיר פֶערְהַאסִין נִיט קֵיין נַאצְיָאן וֶועלְכֶע הַאלְטִין דִּיא שֶׁבַע מִצְוֹת. א) דִּינִין 2), דָאס הֵייסְט רִיכְטִין דִּי דִינִים פוּן עֶהרְלִיכְקֵייט. ב) בִּרְכַּת הַשֵּׁם, נִיט לֶעסְטֶערִין דֶעם בּוֹרֵא. ג) ע״ז, נִיט דִינֶען קֵיין גֶעצֶענְדִינֶסְט. ד) גִלּוּי עֲרָיוֹת, נִיט בְּרוּיכִין קֵיין זְנוּת. ה) שְׁפִיכַת דָמִים, קֵיין בְּלוּט נִיט פֶערְגִיסִ׳ן. ו) גָזֵל נִיט בֶּערוֹיבִין. ז) אֵבֶר מִן הַחַי, נִיט אָב שְׁנַיידִין קֵיין גְלִיעד פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ אוּנ עֶסֶען. וֶוער עֶס הִיט נִיט דִּי זִיבִּין דִינִים אִיז עֶר גָאר אוּנְטֶער דֶעם קְלַיאס מֶענְשׁ נִיט גִירֶעכִינְט, אוּנ זֵייעֶרֶע פֶערְדָארְבֶּענְהַייט פֶערְאוּנְגְלִיקְלִיכְט מֶענְטְשִׁין.

דִּיא גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי דֶערְצֵיילְט 3), בַּיים פַארְטִילִיגֶען אִיז מִיט אַ גְרוֹיס אָרְדֶענוּנְג צוּ גֶעגַאנְגֶען, יְהוֹשֻׁעַ הָאט אַרֵיין גֶעשִׁיקְט דְרַייא בְּרִיף צוּ דִּיא זִיבִּין פֶעלְקֶער פַאר דֶעם אַיינְנֶעמֶען זַייא, וֶוער עֶס ווִיל אַרוֹיס פוּן דִּיא לַאנְד מִיט גוּטִין זָאל גֵיין, וֶוער עֶס ווִיל שָׁלוֹם שְׁלִיסִין נָאךְ דִּיא פוּנְקְטִין נָאךְ, הַיְינוּ אָנֶעמֶען דִּיא זִיבִּין מִצְוֹת, אוּנ צָאלִין אַלֶע אָב גָאבֶּען, אוּנ זַיין אוּנְטֶערְטַאנֶער קָאן שָׁלוֹם שְׁלִיסִין, וֶוער עֶס ווִיל מִלְחָמָה הַאלְטֶען זָאל אַרוֹיס אוֹיף דֶער שְׁטְרַייט. דֶער גִרְגָשִׁי אִיז אַרוֹיס מִיט גוּטֶען פוּן דִּיא לַאנְד נָאךְ אַפְרִיקָא.

אַ טְהֵייל פוּן דִּי כְּנַעֲנִים הָאבֶּען שָׁלוֹם גֶעשְׁלָאסִין, מִיט דִּי אִיבֶּערִיגֶע הָאט מֶען מִלְחָמָה גֶעהַאלְטִין אוּנ מֶען הָאט זַייא פַארְטִילִיגְט.

---

1) ר׳ חיים וואלאזינער ז״ע איז גיוועז א קורצע צייט רב אין ווילקאמיר, פאר ויין אב רייזין האט ער זייא אנגעזאגט איהר ווילט מיר פאלגין זאלט איהר היטין געבין א חונש, ד״ה א פינפטיל פון גרונד קאפיטאל [דהיינו נדן, ירושה, א געווינס, אד״ג, אונ א פינפטיל פון רוח], (וויא צו פירין דעם רעכנונג איז דא אין ספר אהבת חסד). עס איז גידרוקט פון ר׳ חיימ׳ן א כפור ביי איהם איז פארפאלין געווארין א האק א ווירדע פון דריי גילדין האט מען אים אנגעזאגט האט ער גיהייסין איבערזעהן דיא ביכער האט מען גיפונען א טעות אין חומש דריי גילדין, אין צוויי טעג ארום האט מען געפונען דיא האק. 2) עס זאל זיין דיינים צו ריכטין צווישין זיך ווען עס גיפאלט א סכסוך. 3) ירושלמי שבועות פ״ו.

די טויב.

בריעף פון יודישען לעבען.

נאציאנאליסטישע אויסגאבע.

געשריעבען דורך א"ד היילפרן דער מחבר פון חמדת ישראל.



„דער אבשיעד“

וייחל עוד שבעת ימים אחרים וישלח את
היונה ולא יספה שוב אליו עוד (נח)

נח ווארט נאך זיבען טעג און שיקט
ווידער די טויב און זי איז מעהר צוריק
ניט געקומען.

ווייל נח איז געווען אבגערישען פון דער וועלט האט ער דיר אלעבערום געשיקט דו זאלסט איהם אויסקונפטע ברייגען, מיר ווייסען אבער דיינע אויסקינפטע פאראויס, דער מבול פון תאוה און לוקסוס פלייצט אייבעראל, די פערשוועלונג פון נאציאן און גלויבען שטארקט זיך פון טאג צו טאג, וואס קאנסטו אלזא שוין, אויפטאן? וואו קאנסטו קומען? און אין וועלכע געזעלשאפט קאנסטו זיך געפינען? אין די קאבירעטען הייזער, אויף די מאסקיראדען וועט מען דיר ניט אריין לאזען, אין די אסמילאטארישע קרייזען וועסטו גאר ניט פרובין אריינטרעטען, די גבירית'ע טירין איז שוין פון לאנג פאר די צו געמאכט.

דו אבער שרעק זיך פאר קיינעם, דו האסט נאך מיט וואס צו שטאלצירען, דיין שיינער אויסזעה, דיין זיסע שטיממע איז אנציהענד (כי קולך ערב ומראיך נאוה), דו האפ זיך אריין אין „הזמיר“ מאך זיך א נעסט אין די פאלקס-ביבלאטעקען, בעזונד אפטער די פארלעזונגען, שטעל זיך אב בײַ די צייטונגס פארקויפער.

און אויב ס'וועט דיר ווער פארהאלטען פאר דיין פרעמדען נאמען „נאציאנאליסט“ זאלסטו ענטפערען „ניט קוק פון דרויסען קוק נאר אריין אינוויניג“ (אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו) אונזער ערשטער פאטער אברהם האט אויך אגעטירט אונטער א פרעמדען נאמען... טהוע נאר דיין ארבייט ערענסט וויא דיין נאמור איז פון אייביג, מאך בעקאנט מיט דיינע פאסט בריעף אז ס'איז דא נור איין ג', איין תורה, איין יודישע פאלק, דער כלל מאך ווי דו וועסט מאכען צוריק מיט ליידיגען קום ניט, און אויב דו וועסט נאר פיל וויניג מאכען בעשטעלונגען וועלען מיר דיר אפטער ארויסשיקען, איך ווינש דיר א גליקלעכע רייזע אין נאמען פון „כנסת ישראל“.

„יונה פליגעלטויב“

ואהם בני ישראל לא כליתם
היינו דכתיב הצי אכלה בם
חצי כלים והם אינם כלים
(סוטה ט')

מיט יאהרען פריער איז נאך אין די קלענערע שטעדט ניט געווען קיין בעזאנדערע פאסט, ס'איז נור געווען איין פאסט אין אויעזד, און די קלענערע שטעדט ארום פלעגען שיקען א איבערברייינגער און אזוי וויא די שטעדטיל וואלאזין איז דאס מעהרסטע די קראספאנדענציע פון פאסט ישיבה'תע אינטע-רעסען, פלעגט זיין דער איבערברייינגער א ישיבה'תער מענטש, און הערט וואס ס'קאן טרעפען, געהענדיג אין וועג איז איהם בעפאלען א רויבער ווע-לענדיג ביי איהם אב נעמען די פאסט, און זייענדיג איינער אויף איינעם האט ער זיך א עצה געגעבען. — הער זאגט ער איך וואלט פערלאנגען פון דיר א געפעליגקייט, דו זאלסט מיר אריין שיסען אין פאטשטאווע סומקע, — אין מיין מאנטיל, אום מען זאל מיר גלויבען אז איך האב די זאך פון זיך ניט אויסגעטראכט, דער אנפאלער איז בעשטאנען אויף דעם, מיין פאטשטער האט דער וויל אויסגעלייזיגט די קראספאדענציע און אויסגעטאן דעם מאנטיל און דער שיסט א שאס נאך א שאס ביז ער האט אויסגעניצט זיינע גאנצע מאטריאל, דער יודיל האט געמאכט א „ויברח" און דער אנפאלער איז גע-בליבען ביים שרייען, „וואט יעוורעי מאשעניק אהן מניע אבמאנול".

דער יוד הייסט א בריעפענטרעגער און ניט אומזאנסט האט דער בא-שעפער איהם געקרייינט מיט דעם נאמען „טויב" (אחת היא יונתי תמתי) וויל די אייגענשאפטען פון טויב געפינסטו אין יוד, אזוי וויא נח דער ער-שטער ערפינדער די טויבען פאצט האט אנערקענט די טויב פאר די ערענסטע אין דעם פאך, איז זי נאך עד היום געבליבען ביי איהר פאסטען, אויך אין א מלחמה ווען אללעם איז אבגעריסען און צושטערט איז זיא די טויב די איבערברייינגערען, און קיין אנדערע קאן מען די נעהיים פון פאצט ניט אנגעטרויען וויל נור זיא האט א רייינעם געוויסען, זי לעבט א רייינעם פא-מיליע לעבען ווי מיט חופה און קדושין, זי לעבט זעהער כקראמנע, פון איהר געהט ארום דער ווערטיל „בעסער פון ג' דער ביטערער בלאט איידער פון מענשען דער זיסער בלאט", און ווען אויך אז טראגענדיג די פאצט פליהט איהר די קוילין איבערען קאפף דאך האלט זיא די פאצט פעסט אין

די צײַן און הױט, ניט אַרױסצװואַרפען װעלכע אַ אַנדערע אױף איהר שטעלע װאָלט איבער אַ אײגענעם אינטערעס איבער אַ אײגענע שטיקיל פניה, אַרױס-געװואָרפען.
און װען דער אַלמעכטיגער האָט געװאָלט אָב שיקען די הימעל פּאָצט „די תורה" האָט ער קײן אַנדערען געפונען װי דעם יוד, ער האָט זאָגאַר געפּרובט אַנדערע אױך אָנבאָטען זײ האָבען זיך אָבער אָפען ענטזאַגט, װײַל זײ זענען אין אַלגעמײן געגען דעם, (החזיר הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלהו).
דער יוד אָבער פיהרט אַ לעבען װי די טױב, ער היט זײַן פאַמיליע לעבען, (הנך יפה רעיתי הנך יפה עיניך יונים) ער איז אין דער נאַטור געבאָרען ניט קײן רצוח, מען האָט נאָך פון איהם ניט געזעהן מאַכען אַ פּאָגראָם, און ניט גיהערט אױסטראַכטען אַ בלוט בלבול, ער זוכט נאָר זײַן שטיקעל ברױדט צו פערדינען, און טראָגט זיך אַזױ כסדר אַרום מיט די פּאָצט װאו מען שיקט איהם (והלכו גוים לאורך), ער עמעגרירט מיט איהר אומעדום װאו די װעלט האָט אַ ברעג, נאָך מיט הונדערטער יאָהרען צוריק איז ער אין אַפריקאַ אױך געװעזען מיט איהר, און װען מען בעפאַלט איהם אין װעג, נעמט ער אָן דעם מיטיל פון אונזער װאַלאָזינער פּאָצטער ער לאָזט זיך צו שיסען די סומקע מיט דעם מאַנטיל, און אַרױסנאַריגדיג פון זײ די קױלין בלײַבט ער צוריק בײַ דאָס זײַניגע װי ס'איז אַרױס צו זעהן פון „מעשה בײַלעס" אַז נאָך אַללע שיסערײַ פון קיעװ ביז טאַסקענט, און װען זײ האָבען שױן אױסגעשאָסען אַללע קױלין איז ערשט די תורה מיט איהרע גילעהרטע פאַרהײַליגט געבליבען בײַ זײ גופא, אין אױב ס'געפינט זיך נאָך הײַנט װאו אַ בלוט בלבול איז דאָס נישט מעהר װי אַ הונד פאַלט אָן אױף אַ פוהר, די פוהר איז שױן װײַט אָבגעפאָרען און ער האַלט נאָך אין אײַן בילין.
מען האָט אונזער — תורה, — מיט דעם תלמוד געברענט. מען האָט אונזערע געלעהרטע צו שאָסען, מיר האָבען זײ אָבער צוריק און מיר זענען נאָך אַ עװיגער פאָלק געבליבען, װיא ס'דערצײַלט אונז די יודישע בלוטיגע היסטאָריע, װען יודין זענען געװעזען אונטערװואָרפען אונטער די רײַמער, האָבען זײ פערבאָטען יודין לערנען תורה, איז געגאַנגען ר' חנינא בן תרדיון מיט אַ ספר תורה אין האַנד איבער די גאַסען און גילערנט אָפען, מען האָט איהם פאַרברענט אײַנגעהילט אין ס"ת, די תלמידים פרעגען „רבי" װאָס זעהסטו? — װאָר, בײַ דעם זײַן ענטפער איך זעה די פאַרמענט ברענט און די אותיות פליהען אין די לופט, דאָס הײסט ס'װערט מעהר נישט פאַרברענט די סומקא פון די פּאָצט אָבער די קראָספּאָנדענציע איז נאָך פון פריהער אױסגעלײדענט, און דאָס איז ערשט אונזער עקסעסטענץ װײַל אין די לופט קאָנען זײ גאָר נישט מאַכען, זײ קאָנען מעהר נישט װי ברענען די שריפטען פון דער תורה, אָבער די לעהרע פון די שריפטען דאָס ברענט

ניט אזוי ווי די לופט ברענט ניט.

דאס זעלבע האט אויך געענטפערט ר' יהודא בן בבא ווען די רוימער האבען פערווערט יודען דעם אָרדערונג פון סמיכה, וועלכע דאס איז דער שלאָס וואס שליסט צוזאמען די פּאַ"ק מיט די תורה פון משה רבינו אן, וואס איינער איז מסמיך דעם צווייטען, איז דער ר' יהודא בן בבא ארויסגעגאנגען אפען, געבען סמיכה די תלמידים, ווען מ'איז זיי בעפאלען פון די רעגירונג, — זאגט ער צו די תלמידים, קינדער לויפט — פרעגען זיי „רבי" און וואס איז מיט דיר? — איך זאגט ער האב זיך געמאכט ווי א שטיין וועלכער האט ניט קיין בעוועגונג, דאס הייסט ער האט זיי ערקלערט דאס זיי קאָנען איהם מעהר נישט טאן ווי דעם קערפער וועלכער נאכ'ן טוידט הייסט ער א „אבן דומם", און אז די ענדע איז געווען מען האט איהם צו שטאכען זיין לייב ווי א שיטקע, הייסט דאס מעהר נישט ווי צו שאסען דעם פליישיגען מאנטעל.

דארום בלייבען מיר א עוויגער פאָלק, ווייל אונזער גליק בעשטעהט ניט אין מאטריעלישען לעבען וועלכע מען איז מיט דעם קיין מאל ניט זיכער, ווי ס'זענען טאקי באמת אונטערגעגאנגען די שטארקסטע פעלקער, ווייל זייער נאציאנאלנאסט בעשטעהט נור אין די לאנד און די שפראך, ווען ס'קומט אָבער א שטארקערער ברענגט ער זיי אונטער, און אזוי ארום האבען זיי זיך איינע די אנדערע אויפגעגעסען ביז ס'איז פון זיי א געדעכעניש ניש געבליבען, מיר אבער האבען א אינערליכען גייסטליכען עקסעסטענץ וועלכער קיינער קאן פון אונז ניט אבנעמען, ווייל טיעף טיעף איז זיא די תורה ביי אונז פעסט אריינגעזעצט אין הארצען (קשרם על לבך תמיד), זאגען מיר טאקי גאנץ דרייסט (אתה בחרתנו וגו') ווייל מיר זענען די עוויגע פאָלק, דורך די עוויגע תורה. אויסגעקליבען געווארען פון עוויגען ג'. (ישראל ואורייתא וקוב"ה כולה חדא).

אזוי ווי מיר האבען ערקלערט דעם ריכטיגען עוויגען בונד, איז דאך געוויס אז יעדער יוד דארף זארגען פאר זיך און פאר זיינע קינדער זיי זאלען ניט ווערען אבגעריסען, אויף דעם נעמען מיר זיך אונטער צו שטיצען מיט בריעף וועלכע ס'וועט ערקלערען אמונת הבורא, אמונת התורה, און די איינענע היסטאריע.

און אזוי ווי מיר האבען פאר זיך א שווערע אויפגאבע, בעטען מיר אלזא ביי די וועלט „יודישע שרייבער" און „כלל טוהער" זיי זאלען אונז קומען צו הילף אונזער פלאן זאל פארווירקליכט ווערען.

די מוטער שׂרה.

מיר יודען האָבען עביג שטאָלצירט מיט אונזער יחוס מעהר פאַר אַנדערע. מיט וואָס? מיט דעם רייִנעם פאַמיליען־לעבען (טהרת המשפּחה). דאָס איינציגע האָט אונז אָבגעהיט אין די גלות־לענדער, און חאָטש מיר זענען די שוואַכסטע פון אַלע און מיר וואַנדער'ן אַרום מעהר ווי אַנדערע, — דאָך האָבען מיר אונזער יחוס נישט פערלאָר'ען. אָבוואָהל אין דער תורה שטעהט אויסגעשריבען פון נח'ן אָן די אָבשטאַמונג פון אַלע נאַציאָנען גלייך, פון דעסטוועגען פרעג זייער גרעסטען געלעהרטען זיין יחוס, וועט ער דיר נישט־ווילענדיג ענטווערן: „איך ווייס נישט"; פרעג אָבער דעם יוד, וועט ער, געהענדיג מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנד, דיר באַלד ענטווערן מיט שטאָלץ: איך בין יעקב'ס אַ עניקעל, וועלכער שטאַמט פון שם, נח'ס עלטערער זוהן. דאָס קומט דערפון, ווייל אונזערע עלטערן האָבען שטענדיג געזאָרגט עס זאָל נישט אָבגעריסען ווערען די קייט פון רייִנקייט, וועלכע ציהט זיך ביי אונז פון אָבות אבותינו, נאָך פון אונזער ערשטע מוטער — שרה.

היינטיגע צייט ווען עס קומט צו שליסען אַ פּאַרטי מיט אַ זוהן, ווערט מען זוכען שעהנקייט, וואָס מעהר געלד, אָבער נאָכזוכען אַ יודישע טאָכטער מיט פרומע זיטען — וועגען דעם קלערט מען גאָרנישט; אברהם אבינו אָבער, אָבוואָהל ער איז געווען אַ גרויסער גביר, האָט פאַר זיין בן־יחיד אַלעם פערבויגען און אַרויסגעשיקט זוכען נאָר אַ גאָטס־פורכטיג קינד אום די דריי זאַכען זאָלען אין זיין הויז צוריקקומען, עס זאָל איינגעפלאַנצט ווערען ביי זיינע קינדער, די נאָכקומענדע דורות אויף עביג. ווי רבקה איז געקומען האָבען די דריי זאַכען טאַקי זיך צוריק־געקעהרט און אַזוי האָבען זיי זיך כּסדר געהאַלטען ביי יודישע קינדער ביז די לעצטע צייט.

מיר יודען זענען אין אַלע צייטען געערעטעט געוואָרען דורך פרויען וועלכע זענען געווען איבערגעגעבען מיט זייער גאַנצען לעבען פאַר דאָס פאָלק, ווי די יודישע היסטאָריע ערצעהלט אונז פון די בעריהמטע העלדינס ווי יעל, אסתר, יהודית. איהר היינטיגע פרויען אָבער, נישט איהר רעטעט, נאָר איהר דערטרינקט דאָס פאָלק נאָך טיעפער אין זומפּ. וואו איז אייער חאַראַקטער? וואו איז אייער סאָוועסט? ווי אַזוי ערלויבט איהר זיך דאָס אויף־צובּרעכען אין דעם האַרבען איסור כּרת, וועלכער איז פערבונדען אויך מיט בין אדם לחבירו, ד. ה. וועלכעס ריהרט אָן די וועלט? מיט וואָס פאַר אַ כּח געהט איהר דאָס אַרויס צו זאָגען: אַז דאָס שאַדט נישט, אַז דאָס פערשמוצט נישט די וועלט? די גאַנצע פרויען־פּליבּ־טען הייסט ביי אייך נאָר אַ צערעמאָניע און אַ וואַנע הייסט ביי אייך אַ מקוה! און ביי זיך אין האַרצען ווייסט איהר דען נישט ווי גרויס דאָס פערברעכען דערפון איז? דוכט זיך, אַט דעם זעלבען שמוציגען קינד, מען זאָל איהם מאַכען פאַר־ווירפע מיט'ן נאָמען בן־הנדה, וועט אייך געוויס קרענקען און איהר וועט זוכען צו נעהמען ראַכע פון דעם וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט... איהר רופט זיך דאָך

אינטעליגענציע, איהר זאגט דאך אז נאר די מענשליכע געזעצען דאס איז די תורה, אלזא, דער מענשליכער געזעץ אין לעבען זאגט דאך דאס איינער זאל דעם צווייטען נישט דריקען, נישט ענג מאכען, נישט קוועלען אויף דאס מינדסטע, צב"ש: אין די באהן=צוגען איז איינגעארדענט בעזונדערע וואגאנעס פיר רויכערער און פיר נישט=רויכערער (для курящихъ и для некурящихъ); אין א הויז קלאפט מען אן פאר דעם אריין=געהן; פאר א אונפאסענדען אויסדרוק בעט מען פערצייהונג; זאגאר אז מען טרעט אן נישט=ווילענדיג יענעם אויפ'ן פוס, בעט מען אום ענטשולדיגונג און מיט'ן פולען מויל דריקט מען זיך אויס: „פארדאן"...

איז דאך טאקי די פראגע: ווי קומט דאס, אז דיזעלבע פרוי וועלכע בעט פיר דאס מינדסטע פיעל מאל אום פערצייהונג; דערזעלבער יונגער=מאן מיט'ן בריימען פארדאן, — אט דאס פאר=פאלק, ערלויבען זיך צו טהון זאלכע שוידערהאפטע פערברעכען, געגען אייגענעם סאוועסט און געגען די וועלט אויף עביג, א פערברעכעןביי וועלכען עס קען נישט העלפען קיין פערצייהונג און קיין פארדאן, א פלעק וואס קען פאר קיין פאל נישט אבגעוואשען ווערען.

איהר פייערט דאך אויך די מכבים=טעג (חנוכה). דער יום=טוב בעשטעהט צום אנדענקען דאס יודען האבען געזיעגט ווען זיי זענען אונטערדריקט געווארען פון די גריכען. איינע פון זייערע געוואלד=טהאטען איז געוועזען, דאס זיי האבען א יודען פון אכציג יאהר געשטופט חזיר אין מויל אריין. נו, קומט דאס ביי אייך נישט אוים אזיאטיש, בארבאריש, טיראניש, מען זאל דעם צווייטען דריקען אפילו אין דער זאך וואס ביי מיר קומט אוים אז דאס איז גוט, אבער דאך, ווען יענער פערלאנגט דאס נישט און האט פון דעם קרענקונג, ווי אזוי קען מען איהם דאס טהון? און איהר שטאפט אן די וועלט טאג טעגליך מיט עביגע חזיר, מיט אייערע טויזענדער קינדער און קינדס=קינדער, וועלכע פערפלעקען דעם הייליגען נאציאן אויף עביג. צי איהר פערשטעהט נישט, צי איהר מאכט זיך נישט=פערשטעהענדיג? איהר זענט דאך ערגער פאר די גריכישע און שפאנישע אינקוויזיטארען! איהר זענט דאך אינקוויזיטארען אויף אייערע אייגענע שוועסטער און ברידער!

אלזא, מיר האבען קיין אנדער וועג נישט, נאר אנצונעהמען דעם אלטען מיטעל פון די חכמי התלמוד. אין זייער צייט, ווען עס האט געטראפען אז איינער פון דער משפחה האט גענומען א פרוי מיט א פסול, האט מען דאס פערעפענטליכט פאר דער וועלט: ס'פלעגען צוזאמען=קומען די גאנצע פאמיליע אויף דעם מארקפלאץ און דארטען האט מען געמאכט א עביגען אנדענקונג*): די משפחה זאל אויף עביג וויסען. מען האט אויסגערופען: דער=און=דער איז ארוים פון די פאמיליע; ער איז פערלארען פון אונזער משפחה.

דאסזעלבע מוזען מיר היינט אויך טהון. אזוי ווי די עפידעמיע פון נישט=היטען די פרויען=פליכטען האט געגרייכט אויך אין די פיינסטע יודישע הייזער, און נישט=וויסענדיג אז אין די פאמיליע, וועלכע איז פון עביג געשעצט ביי יודען, זאל זיך

---

*) כל מי שנשא אשה שאינה הוגנת לו היו הקרובים מביאין חביות מלאות קליות ואגוזים ושוברין לפני התינוקות, והתינוקות מלקטין ואומרין אבוד פלוני ממשפחתו. גרשה, היו אומרים חזר פלוני למשפחתו (מ"ר רות זהו קצצה. ובכתובות מבואר שם קצצה באופן אחר ע"ש).

געפינען אזעלכע וואס היטען ניט קיין פרויען־פליכט וועט דאך קומען צום אויסמי־שען זיך די כשר'ע קינדער מיט די פערשמיצטע בני נדה.

מיר קאנען אבער ניט וויסען וועלכע פאמיליע היטען ניט און וועלכע ס'היטען יא, איהר פיי זיך וויסט דאך טא מאכט באקאנט די וועלט מען זאל וויסען צו וויי־כען פון אייך (וטמא טמא יקרא).

דעם איין זכות האבען מיר פאר אייך דאס איז חסרון ידיעה, ווייל דאס איז דאך ביי די פרויען אין די הענד און מען האט זיי קיינמאל געלערנט מען איז גע־גאנגען מיט דעם גאנג אזוי ווי פרויען דארפען נאר קאנען די הויז־ווירטשאפט פיה־רען. דאס איז אבער געווען גאר פארצייטען ווען די אמונה איז געווען שטארק איינ־געבויט קיין אויפשטאנד געגען דער אמונה איז ניט געווען; ביי יעצטיגע צייט אבער ווען אז מיר לערנען ניט אונזערע טעכטער געפינען זיך אבער אנדערע וועלכע לערנען זיי יא, און וואס? אב צו שפאטען פון וואס הייליג איז, טא ווי קוקט זי שוין אויף אזעלכע זאכען, דערצו נאך ווען איז די צייט ווען זי זאל אריינטרעטען לערנען צו וויסען אלע פרויען־פליכטען? איז דאך די צייט פון געהן הייראטען, און דאן איז זי גאר פערנומען מיט עפעס אנדערש מיט'ן אויסשטייער, מיט'ן זאל מיט'ן בוקעט, און אפטמאל איז זי גאר צוקריעגט מיט די עלטערן ווייל זיי קומען ניט דורך מיט איהר, זי וויל דעם אויסשטייער איבער זייערע קרעפטען, אבער ווען מיר וואלטען אונזערע קינדער לערנען פון פריהער, איינפלאנצען זיי ליעבע צו ג־ט, צו דער תורה, צום פאלק, וואלטען זיי שוין האבען א צובונד צו אלעם וואס הייליג איז, זי וואלט וויסען וועגען וואס דא האנדעלט זיך און וואלט צוגעהן מיט פערגע־ניגען צו איהרע פליכטען.

דע מה שתשיב לאפיקורס.

דער תנא זאגט אין אבות זאלסט וויסען וואס צו ענטפערן דעם אפיקורס כדי ער זאל ניט בלייבען גערעכט ער זאל ניט בלייבען דער קלוגער זיי זאלען ניט אריינ־נעמען צו זיך די גאנצע מאסע.

די היינטיגע יוגענד וועלכע געהען אוועק פון אונז ענטהאלטען אין זיך צוויי אבטיילונגען „רשע" און „שאינו יודע לשאול". דער רשע ניט גענוג וואס ער גלויבט ניט און לאכט אב פון אלעם ער זוכט נאך זיין אידעע צו פערשפרייטען, דער שאינו יודע לשאול אבער וויים נעבעך פון קיין זאך ער געהט נאר נאך דער מאדע, אלזא צום רשע האבען מיר קיין מיטעל, ער וויל ניט הערען ער וויל ניט וויסען ער מיינט ער איז קלוג, אבער דער שאינו יודע לשאול ער וויים דאך פון קיין זאך נאר נאכצוגעהן נאך דער מאדע; ווען מען זאל איהם אבער ריכטיג ערקלערען די הייליגקייט פון דער תורה, די גרויסקייט פון אונזערע חכמים, די עוויגקייט פון יו־

דיזען פאלק, ער זאל וויסען אז דער רשע איז ניט קיין חכם וועלען מיר איהם נאך קאנען צוהאלטען.

מיר דארפען אבער אלוא דעם שאינו יודע לשאול פיהרען אין חדר לערנען מיט איהם פון א׳ ביז ת׳ דאס הייסט ערקלערען איהם די דריי אייביגקייטען דער אייביגער גאט די אייביגע תורה און דער אייביגער יוד ווען אז א יוד גלויבט אין די דריי זאכען איז איהם שוין אויף קיין זאך קיין קשיא ער טהוט א מצוה מיט שמחה און עס פאלט איהם קיין זאך צו לאסט אלוא דער וועלכער מאכט זיך גרינג אין א יודישקייט איז נאר מעהר נישט ווייל ער גלויבט ניט אין דעם וואס א יוד דארף גלייבען.

א.

עס האט א וועלט רייזענדער, אין א פינצטערע נאכט געבלאנדזשעט, ער האט די וועג ניט געטראפען, פלוצים האט ער דער זעהען איין שיין פון פייער, ווי איז ער נאך דער שיין נאך געגאנגען, ביז ער איז געקומען צו א הויז, ער האט נור די טיר געעפינט, איז איהם שאהן געווארין ליכטיג אין די אויגען, ער זעהט פאר זיך זעהער איין אויסנאהמע פיינע הויז, — דער סופיט איז געפאקאסטירט דונקיל בלאה, אין סופיט איז אריין געצויגען א היינגלייכטער מיט ליכט, א צווייטע העריגער לאמפ, אויף די פענצטער גארדינען, פון דרויסען לאדינס, אין הויז זעהער א געשמאקער לופט.

די דילין איז בעצויגין מיט טייערע געקאליטע דיוואנעס, צום הויז איז דא א וואלד, א טייך, א וואסער צאנג גייט איבעראלל, אויך גייען ארום פערשידענע ברואים. אין הויז איז דא פערשידענע פריפאסין וועלכע נייטיג איז, פון אללע זאכין איז קאנטיג, דאס דא וואהנט א רייכער בעל הבית, מיט קונסשטיק און גרוים חכמה איז אלעס איין געארדנעט, קיין ווירט זעהט ער אבער ניט, ער זעהט נור קינדער שפילין זיך. ער פרעגט ביי זיי וואו איז דער ווירט? זיי שווייגין און ווייסין איהם ניט וואס צו ענטפערין.

ער טראכט וואו איז ער דא אין דער וועלט? איז דאס מעגליך א הויז זאלל זיך פיהרין אהן א ווירט? א פאטער ווארפט ניט אוועק קיין קינדער; — ווי ער גייט אזוי ארום פארטיפט אין געדאנק, פלוצים קומט אן דער ווירטה און זאגט איהם איך בין דער ווירט, און דאס אלעט וואס דו זעהסט האב איך מיט מיינע הענד געגרינדעט, און דאס זיינען מיינע קינדער.

אז ער איז מיט דעם ווירט מקורב געווארין, האט איהם דער ווירטה פאר איין הויז-לעהרער געמאכט, און האט א בעזונדערין וואהנונג, דעם בעסטין אין

הויף אב געגעבען, פאר איהם מיט זיינע נאכקאמענדע קינדער אויף עוויג, און איז פערבליבען ביי'ם בעל הבית, א עוויגער געליבטער.

ב.

דער איינער דאס איז אונזער פאטער אברהם, ער האט געבלאנדזשעט, ווייל זיין פאטער תרח איז גיוועזן א געצען־דינער, נמרוד דער גבור ציד איז דאן קיסר גיוועזן, און די געצען־דינסט האט געשפילט די ראלע. אברהם האט אנפאנגס די וועג ניט געטראפין, ער האט גיקלערט אויף די זוהן, די לבנה, אפשר איז דאס גאט, נור זיין פערשטאנד האט דאס איהם ניט געלאזט גלויבין, ענדליך האט אין איהם אריין געשיינט די ליכטיגקייט פון דער אמת'ער אמונה. איז ער צו געגאנגען נעהנטער צו דער זאך. ער האט דער זעהען די וועלט מיט איהרע גרויסע ארדענונגען, אללעס אב געשטימט פינקטליך צו דער צייט, אין וואג און אין מאס. ער האט דער זעהען די זוהן מיט די לבנה. דעם הימעל מיט די שטערין ווי ליכט, דער שאטין צו פארשטעלין די היץ ווי גארדינען. די פינצטערע נאכט ווי לאדינס, דער געשמאקער לופט איבעראלל.

ג.

די ערד איז בעדעקט מיט פערשידענע שפראצונג און געוואוקס. אין די ערד געפינט זיך פערשידענע מעטאלען. אללע מיני ברואים פון דער וועלט. יעדער מין מיט זיין נאטירליכען פערשטאנד, די ימים מיט די ברואים, דער וואלקען מיט זיין רעגין. אללעס געוויגין און געמאסטין ריכטיג.

אברהם איז געוועזן דער גרויסער פהילאזאף, האט ער אנגעפאנגען קלערין איז דאס מעגליך אזוי א גרויסע וועלט, יעדער זאך קינסטליך געארבייט, און עס איז נאך אללעס נייא ווי היינט געמאכט, זאל ניט זיין איינער וואס האט דאס אללעס געארדנעט, און פיהרין די גאנצע ווירטשאפט? עס איז אונמעגליך צו גלויבען. ער זעהט אבער דיא מענשען פון דער וועלט פערשטעהען גאר ניט, זיי פארנעמען זיך גאר מיט געצין־דינסט. — ער האט זיך אזוי פיל פארטיפט אין גידאנק, ביז גאט האט זיך צו איהם בעוויזען, און זאגט איהם, איך בין דער בעל הבית פון דער וועלט. איך בין דער בורא, דער משגיח און האט מיט איהם כורת ברית גיוועזן, צו געבין ארץ ישראל צו איהם מיט זיינע נאכקאמענדע קינדער אויף עוויג.

מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשית.

א.

ווען מען זאל בעטראכטין די וועלט מיט איהרע ברואים, לעבעדיגע אונ ניט לעבעדיגע, זעהט מען ווי יעדער זאך איז געמאכט בכונה.

בעטראכט נור די זוהן איז העכער פאר די ערד 20 מיליאן מייל, די לבנה איז 1/50 טהייל פון כדור הארץ, עס איז דא שטערין וועלכע זיינען ווייט פון דער ערד זעכציג טויזינד מאהל אזוי פיל ווי די זונן פון די ערד. עס איז דא שטערין וואס זיינען גרויס טויזינדער מאהל ווי דער גאנצער ערד־קוגיל.

דער ערד־קוגיל אונ אללע כדורים הייגען אין אויר. זיי דרייען ארום איינע די אנדערע אונ לויפין אהן א אבהאלט. די זונן, די לבנה, די שטערין, ברייגען זייערע אבגעשטעלטע נוטצין, אונ בעלייכטין אין זייער אבגעשטעלטע צייט, יעדער טאג גלייך, ווער טרייבט זיי נאך א נאנד, אז ניט דער בורא עולם? די ערד איז א געגרייטער טיש, אללעס וואס פארערט פאר דעם מענשין, זי האט אין זיך פערשידענע מעטאלען, קופער, אייזין, זילבער, גאלד, דימאנטין אונ נאך. — אללעס מיט איין ריכטיגען סדר בעשאפין. דאס אללעס קאן קיינער ניט לייקענען אונ מוז מודה זיין דאס איין רעגירער רעגירט איבער דער גאנצער טבע.

ב.

עס איז צו בעוואונדערין, דאס וואס עס פארערט פאר דער וועלט מעהר איז פון דער זאך דא מעהר. קופפער איז דא ווייניג, זילבער גאלד נאך ווייניגער, דימאנטין גאר ווייניג. — וואס דער געברויך איז מעהר קומט אהן גרינגער, וואסער פארערט מעהר ווי אללעס, פלייצט דאס אומעדום פון גאנצען ערד־קוגיל. אהן אויר קאן מען ניט לעבין איין רגע, איז דער אויר פול אין אללע זאכען אומעדום, אונ מען בעקוממט דאס גאר אהן א שום מיהע. די געוואוקסין וואס די ערד גיט ארויס, וואקסט יעדער מין נאך איהר ארדנונג. די געוואוקס וואס זיא דארף מעהר די זונן האט זיא ווייניגער בלעטער איהר צו פארשטעלין, אונ וועלכע עס דארף מעהר שאטין, האט זיא מעהר בלעטער. די בלומען וואס דארפין די זונן, קעהרין זיי זיך צו דער זונן.

ג.

אללע תבואות, צב״ש ווייץ, קארין, גערשטין, ליגט דאס מעהרסטע אין

אַ פְּלֶעוָוע, ווי אין אַ שֵׁיידיל, בְּעת דֶער טויא קוּמְט אָן עֶפֶענֶען זֵיי די מַיילֶער, אַז דֶער טויא גֵייט אָב מַאכֶען זֵיי צוּרִיק צוּ.

עֶס אִיז ווידֶער צוּ בֶּעוואונְדֶערִין אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אויף דֶער וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶען, אִיז גֶעפָּארְט זָכָר וּנְקֵבָה, דַאס קְלֶענְסְטֶע גְרֶעזֶעלֶע מוּז הָאבֶּין זַיין פָּאר. דֶער ווינְד בְּרֵיינְגְט זֵיי אַלֶע צוּ זַאמֶען, אָפְטֶער פָּארְט עֶר זֵיי צוּנויף פוּן הוּנְדֶערְטֶער מֵיילִין. עֶס אִיז ווידֶער דָא אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס זֵיי שַׁאדֶעט גָאר דֶער ווינְד, אִיז דֶער פְלִיג זֵייעֶר צוּ זַאמֶען בְּרֵיינְגֶער, עֶר נֶעמְט צוּ דִי זָאמֶען פוּן אֵיין גֶעוואוּקס, אוּנ בְּרֵיינְגְט זִיא אַרֵיין אִין אַ צְוֵוייטֶע, אוּנ דֶער פְלִיג וֶוערְט דָארְט פַאר פְּלָאנְטֶערְט בִּיז עֶר טוּהט אָב זַיין אַרְבֵּייט.

וֶוער זָאגְט די בְּלוּם זִיא זָאלל זִיךְ קֶעהרִין צוּ דֶער זוּנן? וֶוער הֵייסְט די בְּלֶעוָוע עֶפֶענֶען אוּנ פֶערְמַאכִין די מוֹיל? וֶוער שִׁיקְט דֶעם ווינְד? וֶוער פַאר־פְּלָאנְטֶערְט די פְלִיג? אַז נִיט דֶער בַּאפֶעל פוּן בּוֹרֵא וָואס הָאט בֶּעשַׁאפִין די טֶבַע מִיט אִיהרֶע רֵייכֶע אָרְדֶענוּנְגֶען.

ד.

בֶּעטְרַאכְט נוּר די לֶעבֶּעדִיגֶע בְּרוּאִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אויף דֶער עֶרְד אוּנ אִין יַם, דֶעם שֵׁיינֶעם אָרְדֶענוּנְג, ווי יֶעדֶער בְּרִיָה אִיז גֶעבֶּארִין מִיט אִיהר נַאטוּר, צוּם נוּטְץ פַאר דֶער וֶועלְט. דִי יַעֲלֵי סֶלַע (שְׁטֵיינְבָּאק), אִין אִיהר אִיז אַרֵיין גֶעגֶעבִּין די טֶבַע פֵּיינְד צוּ הָאבִּין אִיהרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. צוּ דֶער צֵייט ווען זִיא דַארְף דָאס קִינְד גֶעבֶּארִין גֵייט זִיא אַרוֹיף אויף אַ הוֹיכֶען אָרְט, כְּדֵי דֶעם קִינְד אַרָאפּ צוּ וַוארְפִין, פּוּנְקְט צוּ דֶער אֵייגֶענֶער צֵייט קוּמְט דֶער אָדְלֶער אוּנ נֶעמְט צוּ דָאס קִינְד אויף זַיינֶע פְלִיגֶלֶען.

די אַיָלָה קָאן נִיט גֶעבֶּארִין דָאס קִינְד, פּוּנְקְט צוּ דֶער צֵייט קוּמְט אַ שְׁלַאנְג אוּנ בֵּייסְט אִיהר אַיין אִין דֶעם אָרְט. אוּנ זִיא גֶעבֶּארְט דָאס קִינְד. ווען דֶער שְׁלַאנְג זָאל קוּמֶען מִיט אַיין רֶגַע פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, וָואלְט זִיא גָאר נִיט הֶעלְפִין אוּנ די אַיָלָה וָואלְט טוֹידְט בְּלֵייבִּין.

די שְׁטָארְךְ פֵאגִיל גֵייט ווינְטֶער אַוֶועק אִין די וַוארֶעמֶע לֶענְדֶער. זָאמֶער קוּמְט זִיא צוּרִיק אִין די קַאלְטֶע לֶענְדֶער, אוּנ טְרֶעפְט פּוּנְקְט צוּ אִיהר פְרִיעֶרִיגֶען אָרְט.

דֶער קְלַאפֶּער־שְׁלַאנְג וֶועלְכֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַמֶערִיקַא, אִין אַפְרִיקַא, עֶר אִיז אַזוֹי אֵיין מִין מַזִיק, אַז צֵייט דְרֵיי מִינוּט שְׁטַארְבְּט מֶען פוּן זַיינֶעם אַ בִּיסס, דֶער פַאר אִיז זַיין טֶבַע, אַז וֶוען מֶען אִיז נִיט ווייט פוּן אִיהם, הֵייבְּט עֶר אָהן צוּ קְלִינְגֶען, מֶען זָאלל ווִיסִין פוּן אִיהם צוּ אַנְטְלוֹיפִין.

ה.

אין ים געפינען זיך אללע ברואים עהנליך ווי אין דער יבשה. עס איז וועגען דעם פיל צו בעשרייבען, מיר ברייגגען נור צו אונזער ציעל איין מין, דעם וואלפיש. פון וועלכען מען בעקומט די פיש-טראן, ער איז לאנג הונדערט איילין, אונ ברייט פופציג איילין. זיין קאפף איז א דריטיל פון קערפער. די מויל איז גרויס נאך דעם קערפער נאך. אזוי א מין בריה קאן דאך איינשלינגען פון די ברואים וועלכע אין ים, דאפיר איז בעשאפען די ברייט פון זיין האלדז נור ווי פיר פינגער.

די חכמה פון ביבער איז אונ-נאטירליך צו פערשטעהען, זייא בויען אויס פאר זיך בנינים ווי די גרעסטע אינזשענערין אונ מעכאניקעס, פריער קלייבין זיי זיך צו זאממען ביז 300 מאן. אויסזוכען איין גיפעליגען פלאץ בייא איין טייך. ארום טייך מאכין זיי א שלוז (דאממבע), נאך דעם רעכענונג ווי ווייט דער וואסער קאן אויס פליסען, עס קאן אויס קומען א מאהל ביז 100 איילין די לייגג, די ארבייט ווערט געמאכט ריכטיג ווי מיר מענשען מאכען א דאממבע. פון דער זייט שלוז בויען זיי זיך נאכהער אויס הייזער, די גרויס יעדער נאך זיין פאמיליע, די הייזער ווערט געבויט מיט אללע פערגעניגען ווי מיר מענשען בויען. אונטער די הייזער ווערט געמאכט קעלערין. די ערד דעקין זיי אויס מיט גראז. זיי וואהנען זעהער זויבער.

ו.

די מוראשקעס גרייטין אהן זייער שפייז זוממער אויף דעם ווינטער, אונ בעהאלטען דאס מיט גרויס חכמה, זיי לעבין מיט א גרויסין ארדענונג, עס ווערט געפירט ביי זיי אין דעם ארט ווי א מלוכה.

די בינען בויען שטענדיג זייערע וואהנונגען אללע אין איין פארמע, אין איין גלייכע מאסס, א זעכס קאנטיגע שטיבעלע, בכדי עס זאל אין גאנצען שטח קיין ליידיגע פלאץ ניט בלייבען, זיי בויען זיך אויס הייזער אויף דעם ווינטער ווען אויך זיי האבין נאך דעם ווינטער ניט געזעהען, אונ בכלל פירט זיך ביי זיי מיט גרויס ארדענונג, עס איז וועגען די בינען זעהער פיל בעשריבען, וואונדער איבער וואונדער, ווי עס ערקלערין די נאטור פארשער.

דער יונגער שפין ניט גילערינט, שפינט ער דעם נעטין אין דעם זעלבין פארמאט פון זיינע אלטערין.

די הינדיל פארשטעהט באלד צו פיקין אויף דעם טיש, זוכען איהר ברעקיל עססין. — די ענטיל (קאטשקע) פארשטעהט באלד צו שווימען, אללע ברואים טרעפין באלד ווי זיי ווערין געבארין דעם ארט וואו צו זייגען

אבער דער געבארענער מענשליכער קינד טרעפט ניט באלד אליין אהן די מוטטער.

דער עכבר פילט זעלבסט און וויס צו אנטלויפען פאר דער קאץ, די שאף פאר דעם וואלף. ווען אויך קיינער זאגט זיי ניט.

די טויב היט איהר פאר היילינג ווי מיט חופה וקדושין.

עס איז דא ברואים טויזענדער מאהל קלענער ווי א מילב, און זיי האבין אללע אינערליכע און אויסערליכע אברים, ווי די גרעסטע בריות, ווי עס איז ידוע פון די חכמי התלמוד און צו די נאטור פארשער, דאס אפילו דער אויר איז אויך פול מיט ברואים.

ז.

אך מענש, דו מענש! בעדיינק זיך נור, ווי קוממט דאס פונקט צו דער צייט דער אדלער צום שטיינבאק. ווי פארזאממט דאס ניט דער שלאנג איין רגע זיין צייט. ווער ווייזט די שטארך פאגיל איהר פריערינע דירה? — דער קלאפפער־שלאנג זוכט דאך מזיק צו זיין, לסוף אז ער פיהלט איהם שאהן ניט ווייט פון זיך, ווי קוממט דאס אז ער זאלל אנפאנגען צו קלינגען כדי מען זאל וויסין פון איהם צו אנטלויפען? — ווי אזוי איז דאס א פיש פון 100 איילין די לעינג, זאל זיין האלדז גרויס זיין נור ווי פיר פינגער. — ווער לערינט דעם ביבער, די בינען, צו בויען ריכטיג זייערע פאלאצין? דעם שפין צו וועבען? — פון וואנען טרעפט די הינדיל צו זוכען איהר שפייז? דער קאלב זעלבסט צו זייגין? פאר וואס טרעפט ניט דער מענשליכער קינד? — ווער זאגט אן דעם עכבר, די שאף, צו היטין זיך פון זייער מזיק, ווען זיי קאנען איהם נאך ניט?

ווער לערינט דעם מוראשניק חכמה און יושר? — די טויב זיא זאלל איהר פאר היטין. — ווי אזוי ליגט דאס אין אקלענערע בעשעפעניש ווי א מילב אברים ווי ביי די גרעסטע בריה, און בכלל ווי אזוי בעקוממען דאס אללע ברואים, ביז דעם קלענסטין ווערעמיל. זייער שפייז צו דער צייט און אין דער מאס?

מיט איין ווארט, אללע ברואים מיט זייער מיט־געבארענעם נאטור, שרייען שטענדיג אויס שמע ישׂראל וגו', נור איין גאט וואס האט דאס אללעם בעשאפין ער פיהרט דאס.

וואו לויפט מען?

אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח (תהלים קל"ט).

„הכל תלוי במזל"—צו אלעס דארף מען האבען גליק, אזוי ווי עס איז דא א ערד־רעוואלוציע, אזוי איז דא א הימעל־רעוואלוציע. וועגען די ערד־רעוואלוציע אינטערעסירען זיך אלע, און פאר די הימעל־רעוואלוציע ארט קיינעם נישט. עס מוז זיך דאך געפינען איינער, געפין איך מיר, חאטש א איינפאכער יוד, ניט קיין גרויסער למדן, אבער גאר קיין פראסטאק אויך נישט.

איך גיי אלע טאג הערען דעם רבי'ן לערנען, שבת גיי איך הערען דעם רב'ס חומש; אויך האב איך מיר הנאה צו הערען א מגיד, דען יעדעס יודיש ווארט פערנעמט ביי מיר א ארט.

איך לעז אלע יודיש־דייטשע ספרים, דער ספר „חמדת־ישראל" מיט דעם „מעשה אלפס", געהען ביי מיר פשוט פון טיש נישט אראב, ווייל זיי זענען גע־מאכט נאך דעם היינטיגען געשמאק, פיליינכט וועלען די קינדער ווען ארייןקוקען.

אין לשון־קודש'דיגע ספרים, בין איך לא־עליכם'דיג, אלזא האב איך מיר גענומען שרייבען די הימעל־רעוואלוציע אין די זשארגאנישע שפראך נאך מיין פער־שטאנד. מיין נאטור איז אפילו צו געהן אין די אלטע וועג, אין די וועג פון מיינע עלטערן, איז דאך א פראגע: ווי קום איך צו מישען זיך אין רעוואלוציעס? נאר מיין פאמיליע האט מיך צו דעם געבראכט, ווי איך וועל אייך דערצעהלען:

איך פערמאג מיר א פרוי מיט צוויי קינדער, א זוהן מיט א טאכטער. מיין זוהן האב איך א נאמען געגעבען מרדכי, די חברים זיינע רופען איהם מאקס; מיין טאכטער האב איך א נאמען געגעבען דינה, די חבר'תות איהרע רופען איהר דארע.

ביז יעצטיגע צייט האט מיר ב"ה אבגעגאלטען, אז לייט האבען מיר פשוט מקנא געווען מיינע קינדער; נאר ביי די יעצטיגע בעוועגונג, פערשטעה איך אז זיי זענען שוין געחאפט אין דער מעשה. אבער געגען לייטישע קינדער, הייסען זיי נאך היינט אויך נישט אזוי שלעכט.

מיין פרוי איז אפילו א עהרליכע יודענע, א איינפאכע בעל־הבית'טע, דאך וואלט זי חשק געהאט צו א זוהן א דאקטאר, נאר זי האט מורא: אביסעל פאר מיר אויף דער וועלט, און נאך מעהר פאר דעם מלאך־דומה אויף יענער וועלט, געהט זי מיר נישט אין וועג. זי וואלט זיך צופרידען שטעלען חאטש מיט א דענטיסט א זוהן, אבער וואס טויג מיר א זוהן א דענטיסט? איך האב בעסער מיינע קינדער געלערנט בעל־הביתיש אין דערהיים, און נישט געגעבען זיי צו שטודירען, ווייל איך האב ארויסגעזעהן וואס עס ווערט פון זיי: אויב עס געפינט זיך ביי זיי איינער פון טויזענד וואס איז נאך א יוד וועלכער גלויבט און האסט נישט די עלטערן, איז דאס א גליק־זאך; פון וואנען ווייס איך דאס פונקט מיר וועט דער גליק טרעפען? הגם עס איז שוין היינט דא פראסטע אונוויסענדע, וועלכע זענען ערגער פון די געבילדעטע, האבען דאך אבער די עלטערן אין דעם קיין שולד, זיי זענען נאר מחויב אכטונג צו געבען ווי וויים מעגליך; אבער דער פא־טער, די מוטער, וועלכע גיבען אב מיט די אייגענע הענד די קינדער שטודירען, און זיי געהען אראב פון וועג, זענען דאך די עלטערן פעראנטווארטליך. „עס איז

נישט גענוג וואָס מען פיהרט איבער די וועלט איבער די קינדער, זאָל איך נאָך איבערפיהרען יענע וועלט אויך?"...

ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די אונרוהען, האָט מיין פרוי רחל זאָל לעבען שטאַרק חשק געהאַט אַרויסצוגעהן אין „אַמעריקא", זי האָט מיר פשוט נישט געלאָזט לעבען. — יענקעל! — פלעגט זי זאָגען — וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועלען מיר דאָ חשך'ן, עס איז דאָך נישט אַריבערצוטראָגען פון די סטרייקען מיט די באָמבעס און די פּאָגראָמען; היינט ווי האַלט מען איין די קינדער, זיי דרעהען זיך אַרום אין די גאַסען, און אַליין איז מען דאָך אויך נישט זיכער, עס פאַלען דאָך אַריין גאָר אומשולדיגע... — האָב איך איהר איינגעשטילט מיט אַ מעשה פון צוויי גוטע-יודען, ר' זושע און ר' מלך (דאָס זענען די ברידער: ר' זושע אַניפּאָלער און ר' מלך דער מחבר פון ספר „נועם אלימלך"):

זיי זענען געגאַנגען אָבריכטען גלות, זענען זיי געקומען אויף אַ ישוב און האָבען געטראָפען אַ חתונה. מען האָט זיי געגעבען עסען און טרינקען, זיי האָבען זיך משמח געווען ווי דער דין איז און געלעגט זיך שלאָפען אין די ווינקעלעך. די מחותנים געוועהנטליך האַלטען אין איין טאַנצען, בלייבט ביי זיי אַ פּלאַן אַז נאָך יעדען טאַנץ זאָל מען געבען אַ שמיץ אַ אָרעמאַן (אַז זיי איז גוט אויפ'ן האַרצען און זיי ווילען זיך משמח זיין, מיט וואָס? איז די גרעסטע שמחה צו שמייסען דעם אָרעמען יודען. עס איז נאָך גענוג אַ יושר צו געבען פריהער עסען און דערנאָך שמייסען, אַנדערע טהוען דאָס אויך נישט, שמייסען זיי אָבער עסען געבען זיי נישט). דער גורל איז געפאַלען אויף ר' זושען און מען שמייסט איהם כסדר. ר' מלך איז איהם שטאַרק מקנא, עס לויפט איהם פשוט די שפּייעכץ פון מויל. ער קוועטשט מיט די פּלייצעס: „אוי נו נו! — זאָגט ער — אַ מזל זושע האָט דאָס! פאַר וואָס קומט דאָס איהם גאָר און מיר גאָר נישט?". האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אָן ר' זושען: „זושע ברודער — זאָגט ער — האָב רחמנות, לאָמיר זיך בייטען די ערטער". ער האָט ביי איהם אַזוי לאַנג געבעטען, ביז ער האָט געפּועלט, און ווי די מחותנים האָבען זיך פערקוקט, האָבען זיי געכאַפּט און איבערגעביטען זיך די ערטער.

אין מיטען טאַנצען כאַפּט זיך אַרויס איינער אַ בעל-ישרן: „עפּעס — זאָגט ער — שמייסט מען אַלץ דעמזעלבען אָרעמאַן און יענער שלאָפט זיך גאָר רוהיג, פון איצט אָן זאָל מען שמייסען דעם אַנדערן אָרעמאַן". מיט איין קול האָבען זיך אַלע אָנגערופען: „גערעכט"! און מען האָט אָנגעהויבען שמייסען יענעם, און מאַקי ווידער ר' זושען. „זעהסט ברודער — האָט דאַן ר' זושע געזאָגט צו ר' מלך'ן — פאַרפאַלען, וועמען עס איז בעשערט דעם קומט אָן".

— פערשטעהסט מיין ווייב — זאָג איך, — ווען מען וואָלט אונז שלאָגען, דערפאַר ווייל מיר האָבען עפּעס צוגענומען, אָדער דערפאַר ווייל מיר האָבען צופיעל און זיי האָבען גאָרנישט, וואָלסטו זיין גערעכט, לאָמיר אַנטלויפען; אָבער אַז מיר האָבען קיינעמס נישט פערנומען און קיין איבריגע האָבען מיר נישט צו געבען, איז דאָך דאָס נישט מעהר, ווי אַ שטראָף מן השמים, פאַר וואָס מיר האָבען אָבגעטרעטען פון דער תורה, וועט זיין דער סוף, אַז מיר וועלען קומען דאָרטען, וועט מען דאָרט אָנהויבען שלאָגען און דאָ וועט מען אויפהערען.

(פאָרטזעצונג קומט)